STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02139

MIT YIDISHE KINSTLER

Borvine Frenkel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

M. Epstein
Toronto, Canada

מיניאטור־
ביבליאטעק

מיניאַטור־ביבליאָטעק 6-5

באַרווין פרענקעל

מיט יידישע קינסטלער

שמועסן און באַמערקונגען

תשכ"ג פּאַריז 1963

אלוו. יידישער קולטור־קאָנגרעס אין פראנקרייך

דערשינען מיט דער הילף פון דער „קליימס־קאָנפערענץ"

Borvine FRENKEL : « Mitt Yiddishé Kinstlerr » (« Entretiens avec des Peintres Juifs »)

באָרווין פרענקעל – „מיט יידישע קינסטלער" – מיניאַ־טור־ביבליאָטעק ביים קולטור קאָנגרעס אין פראַנקרייך

« COULTOURE CONGRESS »
36, rue Amelot — PARIS (11e)

Imp. Abécé, 21, rue Juliette-Dodu, Paris-10e

אַ וואָרט וועגן מחבר

באַרווין פרענקעל איז אַ שרייבער און מאָלער. אַליין אַ שעפער פון דעם קונסט־צווייג וועלכן ער באַהאַנדלט אין דעם בוך.

ווערט שווערער די אויפגאַבע פון מחבר. שרייבנדיק וועגן קאָלעגן קען מען אַמאָל געשטרויכלט ווערן מיט סוביעקטיווקייט.

באַרווין פרענקעל האָט דעם דאָזיקן חסרון אויסגעמיטן. ער האָט זיך דערנענטערט צו זיינע קאָלעגן מאָלערס, האָבנדיק דעם ציל צו אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם מהות פון זייער שאַפן; באַקענען מיט זייערע ווערק; ווייזן דעם קינסטלער גופא אויפן פאָן פון זיין שאַפונג.

„מיט יידישע קינסטלער" זענען .נישט בלויז שמועסן, נאָר אויך באַטראַכטונגען און באַמערקונגען. מיט אַ געוויסער צאָל שאַפערס פון דער פּלאַסטישער קונסט זענען די שמועסן פאָרגעקומען פריער מיט אַ צייט, מיט אַנדערע — ערשט לעצטנס.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז, וואָס מיר הערן דאָ דאָס קול פון יעדן קינסטלער גופא. מיר דערקענען זיי דעריבער אינטימער — זייער היים־יחוס, די סביבה אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, און מיט וועלכע וועגן זיי זענען געקומען צו דער מאָלעריי. מיר ווערן אויך היימישער מיט זייערע טראַכטענישן און מיינונגען איבער קונסט.

דאָס ערשטע מאָל אפשר הערן מיר עפנטלעך אַ קאָלעקטיוון ענטפער וועגן יידישער קונסט. יעדער פון די באַהאַנדלטע מאָלערס האָט אויף זיין אופן אַרויסגעברענגט זיין באַציאונג צו דער געשטעלטער פראַגע און דעפינירט זיין צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם. דער סך־הכל פון דעם געזאָגטן איז דעריבער באַלערנדיק.

באַרווין פרענקעל איז אויך דער מחבר פון אַ רעפּאָרטאַזשן־בוך „אין שאָטן פון מעטשעטן", וועגן די יידן אין די געטאָס ביי די אַטלאַס־בערג.

אין זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער מאָלעריי און ליטעראַטור, איז ער אַנאַליטיש פאַרטראַכט. זיין וואָרט פאַרמאָגט וואָרעמקייט. אין דער מאָלעריי איז ער, אין רוב בילדער, זוכעריש־טרוימעריש — אַרויסגערופן דורך בענקשאַפטן צום יידישן פאָלקס־שטייגער.

מ. וו.

ייִדישע קינסטלער

פּאַריז איז געווען און איז נאָך ווייטער דער צענטער פֿאַר די מאָלערס פֿון דער גאָרער וועלט. דאָ קומט מען קודם-כל זיך לערנען, זען די נאַטור אויף אַ מאָלערישן אופֿן, — שטאַרקן דעם טאַלאַנט און זיך אָננעמען מיט די גרויסע קונסט-טראַדיציעס.

אַ גרויסע צאָל הייַנטצייטיקע ערשט-ראַנגיקע מאָלערס, וואָס פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער מאָדערנער פֿראַנצויזישער קונסט, זענען געווען אויסלענדער, ווי למשל וואַן-גאָג, מאָדיליאַני, פּיקאַסאָ, סוטין, פּאַסקין, שאַגאַל, קיסלינג, וואַן דאָנגען, ליפּשיץ, זאַדקין און פֿיל אַנדערע. און דאָך ווערן זיי באַטראַכט ווי פֿראַנצויזישע מאָלערס, ווייל זיי זענען תּלמידים און קאָנטיניאַטאָרן פֿון דער פֿראַנצויזישער מאָלעריי. עס איז זיכער אַז זיי וואָלטן נישט געווען דאָס וואָס זיי זענען, ווען זיי וואָלטן נישט געלערנט אין לאַנד פֿון דער לעבעדיקער קונסט.

די ייִדישע קינסטלער פֿון מזרח צי צענטראַל-אייראָפּע און אַפֿילו פֿון די באַלקאַן-לענדער, האָבן תּמיד געצילט צו לעבן אין פּאַריז, און שוין מיטן אָנפֿאַנג פֿון 20-טן י. ה. איז זייער צאָל דאָ געווען אַ באַדייטנדיקע. הגם דאָס לעבן איז געווען זייער שווער, איז עס אָבער נישט געווען קיין שטערונג פֿאַר דעם שאַפֿונגס-ענטוזיאַזם וואָס האָט זיי נשמהדיק באַהויכט. אויב מען קען רעדן וועגן אַ מאָדערנער ייִדישער קונסט, איז עס אָן שום צווייפֿל אַ דאַנק די ייִדישע קינסטלער פֿון פּאַריז.

קלאָר, אַז עס זענען געווען אין רוסלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער ייִדישע גרויסע מאָלער. זייער קונסט אָבער, — הגם זיי האָבן געמאָלן ייִדישע טעמעס, איז געווען אין אַ געוויסער מאָס באַגרענעצט דורך אַ רע־גיאָנאַלן זשאַנער. און טראָץ זייער טאַלאַנט, זענען זיי געווען נישט מער ווי עפּיגאָנען.

דער עכטער שעפּעריש־מאָלערישער גייסט, די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט אין דער פּלאַסטישער קונסט האָט זיך אַנטפּלעקט דורכאויס אין פּאַריז.

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די צאָל ייִדישע קינסטלער דאָ געווען גאָר אַ באַדייטנדיקע: כמעט צוויי הונדערט. די גרעסטע טייל פון זיי האָבן געוווינט אויפן לינקן ברעג פון דער סען, נאָענט פון מאָנפּאַרנאַס. אָ ונט־צייט זענען די קאַפעס, די באַרימטע „לאַ ראָטאָנד" צי „דאָם" גע־ווען איבערפולט מיט אויסלענדישע מאָלערס, צווישן וועלכע די ייִדן האָבן דאָמינירט. זיי האָבן מיט זייער פלאַמיקן ענטוזיאַזם, הייסע דיס־קוסיעס איבער קונסט און אַנדערע פּראָבלעמען פול געמאַכט דעם אַרום, זיי האָבן פאַרגעסן אין דער צייט, אין הונגער, אַזוי פאַרקאָכט און איבער־גענומען זענען זיי געווען מיט דער מאָלערישער תורה.

די וויזיאָנערן האָבן פאַרמאָגט אין זייער אויסזען און באַנעמען זיך עפּעס פון די אַמאָליקע מתמידים, פון פּרץ'ס ישיבה־בחורים.

די ייִדישע שרייבער, וואָס פלעגן דורכפאָרן אָדער וווינען אין פאַריז האָבן גערן פאַרבראַכט זייער פרייע צייט אין דער סביבה פון די ייִדישע מאָלערס; דאָרט האָט מען געקענט טרעפן, למשל: שלום אַש, זלמן שניאור דוד איינהאָרן, עוזר וואַרשאַווסקי, פּרץ מאַרקיש און פיל אַנדערע. דער ראָמאַניסט ז. שניאור האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ ראָמאַן וועגן ייִדישן מאָ־לער פון מאָנפּאַרנאַס. צום באַדויערן, איז אין אים מער פאַראַן פאַנטאַזיע ווי עכטקייט. די אייגנאַרטיקע און העכסט אינטערעסאַנטע טעמע, ווי עס איז דער ייִדישער מאָלער פון מאָנפּאַרנאַס, וואַרט נאָך אויף אַ טאַלאַנט־פולן מחבר.

צו אונזער ווייטיק, איז דאָס אַמאָליקע לעבן אומברחמנותדיק פאַר־שוווּנדן. די גרעסטע צאָל ייִדישע מאָלערס פון פאַריז איז אומגעקומען אויף דער דעפּאָרטאַציע. אייניקע זענען אומגעקומען אין די שרעקלעכע

יאָרן (סוטין פון סמאַילאָוויטש, קאַרם פון פּראַג): היינט זענען בלויז פאַרבליבן שוואַכע סימנים פונעם אַמאָל, כאָטש עס זענען צוגעקומען א רייע יונגערע מאָלערס פון פּוילן, ישראל, און אנדערע לענדער, שלאָגט דאָך נישט מער אויפן מאָנפּאַרנאַס דער יידישער דופק און ריטם, ווי אַמאָל.

די דערשיינונג איז אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין היינטיקן לעבנס־אופן. נישט בלויז די קונסט־פאָרמען האָבן זיך געביטן, נאָר אויך די לעבנס־פאָרמען. קען זיין, אַז דאָס ערשטע איז אַ רעזולטאַט פון צווייטן. די אַמאָליקע קינסטלער־באָהעמע־קאַפעס „לאַ ראָטאָנד“ און „דאָם“ האָבן נישט בלויז געביטן זייער אויסערלעכן אויסזען, נאָר אויך די קליענטן זייערע (סנאָבן, קליינבירגער און טוריסטן).

די מאָנפּאַרנאַסער מאָלערס פון דער אַלטער „באָהעמישער גוואַרדיע“ טרעפט מען שוין דאָרט זייער זעלטן. די גרויזאַמע מלחמה האָט אויך א סוף געמאַכט נישט בלויז צו דער יידישער מאָנפּאַרנאַס־תקופה, נאָר אויך צו דעם אַמאָליקן מאָנפּאַרנאַס גופא. דער קוואַרטאַל סען־זשערמען מיט דער קאַפע „פלאָר“, „דע מאַגאָ“, זענען געוואָרן זיינע יורשים.

בלויז אַ קליינע גרופּע יידישע קינסטלער איז געבליבן געטריי דעם מאָנפּאַרנאַס. מען קען זיי טרעפן אין דעם קליינעם קאַפע „סעלעקט“. דער שטילער און באַשיידענער אַמביאַנס, די אַלטע טישלעך און די פלושענע בענק דערמאָנען נאָך אַ ביסל דעם אַמאָל. די פּאַטינירטע ראַם פּאַסט זיך בעסער צו פאַר די שוין היינט גרוי־געוואָרענע מאָלערס מיט די פאַרמע־טענע פּנימער. בלויז זייערע אויגן לויכטן נאָך מיט אַ צעצונדן וויזיאָנערן פייערל, ווען עס אַנטוויקלט זיך אַ ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע, נישט בלויז איבער קונסט, ווייל היינט איז שוין דער יידישער מאָלער נישט אַזוי אי־זאָלירט פון יידישן לעבן, ווי פאַר דער מלחמה. דערפאַר ווייטיקן זיי אָבער אויף אַ געוויסער אינדיפערענץ, וואָס די יידישע געזעלשאַפט ווייזט ארויס צו זיי:

★

אויפן קליינעם בית־עולם פון מאָנפּאַרנאַס אין אַ פרעמדן קבר אָן אַ נאָמען, געפינט זיך דער ערדישער רעשט פון מאָלער חיים סוטין, אין פאַרשיידענע מוזעאומס און קונסט־גאַלעריעס לעבן אַלץ מער און מער

מיט אַ זעלטענער קראַפט, די בילדער פון דעם סמילאָוויטשער ייד. די בילדער האָבן דערגרייכט צו פאַנטאַסטישע סומעס. אויף אַנדערע בית=עולמ'ס פון פּאַריז, זענען באַגראָבן דער איטאַליענישער יידישער מאָלער אַמעדעי מאָדיליאַני, וואָס איז געשטאָרבן אין אַ גרענעצלאָזער נויט ביי 36 יאָר. זיינע בילדער זענען היינט אַ צירונג פון די וועלט=מוזעאומס. דער בולגאַרישער ייד פּאסקין האָט פשוט אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן, זיך אַדורכשניידענדיק די אָדערן אין וועלכע עס האָט געברויזט אַ ביז גאָר לייזנשאַפטלעך און אומרואיק בלוט.

ערגעץ אין די שאָטנדיקע ווינקלעך פון די פּאַריזער בית=עלמינס געפינען זיך א סך קברים פון יידישע מאָלערס, פאַרוואַקסענע מיט ווילד=גראָז. זייערע נעמען זענען פאַרגעסן, און נאָר וועגן אייניקע ווערט געדענקט.

גרויזאַמער מאָלערישער און יידישער גורל. איר קענט אַמאָל געפינען זייערס אַ בילד צווישן אַלטן און אומנוציקן אָפּפאַל פון „מאַרשע אָ פּים“ נישט דערפאַר ווייל זייערע בילדער האָבן נישט קיין ווערט, נאָר פשוט ווייל זייער מאָלעריש האָב און גוטס איז צעראבעוועט געוואָרן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע און מיר, יידן, מוז מען מודה זיין מיט ביטערקייט, האָבן וויניק וואָס זיך אינטערעסירט מיט די קינסטלער, וועלכע זענען נישט געזאַלבט געוואָרן דורך די גויים, טראָץ דעם וואָס פאַר אונז זענען די בילדער פון די „מאָלער אָן אַ נאָמען“ פון אַ באַזונדערן ווערט. נאַציאָנאַלער יש.

אבערדאם

אַריינקומען אין אַבערדאַמס אַטעליע איז אַ ביסל שווערלעך. מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק, ווייל אָנגעפילט איז די אַטעליע מיט בילדער. קלע־נערע, גרעסערע און אפילו גאָר גרויסע.

און די אַלע בילדער זענען נישט אויסגע׳סדר׳ט סטאַטעטשנע און באַ־לעבאַטיש, ווי עס טרעפט אַמאָל ביי מאָלער אויך, נאָר זיי שטייען אָט אַזוי אין אַלע ווינקלען, דורכגענג, אָנגעלענט וו עס זאָל נישט זיין, נאָענט אונטער דער האַנט, ביים מאָל־שטענדער, ווייל טאָמער דאַרף מען נאָך עפּעס צוגעבן אַ נייעם פּענדזל־שטריך, דערגענצן, איבעראַרבעטן.

אַ בילד, כל זמן עס איז אין אַטעליע פון מאָלער, ליגט עס תמיד אונטער דער „געפאַר" געענדערט צו ווערן.

דערציילט מען, אַז דער מאָלער דעגאַ פלעגט אפילו צוריקנעמען זיי־נע בילדער פון באַקאַנטע, ווייל ער האָט תמיד באַמערקט אין זיי געוויסע שטעלן, וואָס נויטיקן זיך אויסגעבעסערט צו ווערן.

געווייניטלעך, פלעגט דער אייגנטימער פון אַזאַ בילד שוין זעלטן ווען עס צוריקזעען.

אָבער דאָס דערוויטערט אונדז אַ ביסל פון אַלפרעד אַבערדאַמס אַ־טעליע, וו מען זעט נישט עפּעס אַנדערש ווי בילדער.

ווו זענען די צייטן ווען אַטעליעס פון מאָלערס זענען געווען אויסגעטאָקטע. ראָמאַנטיש=אינטימע „ענטעריערן“, פול מיט שטימונג און אַטמאָספער. דאָ איז דערפון נישט פאַראַן קיין שפור. דאָ הערשט די באַקאַנטע אַרטיסטישע אומאָרדענונג אין איר פולער פּראַכט.

— וואַרט אַקאָרשט. איך וועל אייך פריי מאַכן אַ שטול — זאָגט אַבערדאַם — זייט פאָרזיכטיק, שמירט נישט אוים אייער מאַנטל מיט פאַרב — און שמייכלט דערביי.

זיין מאָלעריי פאַרמאָגט נישט אָט דעם „שמייכל“, זי איז, וואָלט איך געזאָגט ערנסט, זייער ערנסט, עפּוואָס געהיימניספולעס איז אין איר פאַראַן. די סודותפולקייט שפּיגלט זיך אין זיינע בילדער, נישט בלויז צווישן זיינע געשטאַלטן.

ס'רוב מאָלט אַבערדאַם קאָמפּאָזיציעס ווו די מענטשלעכע געשטאַלט באַזונדערס די פרוי, פאַרנעמט דעם אויבן אָן. דאָס מענטשלעכע פּנים דער מענטש, דאָס איז זיין הויפּט=טעמע, זיין מאָלעריש פּראָבלעם נומער איינס, זייט צענדליקער יאָרן.

— ווי לאַנג, אַבערדאַם, שטייט איר שוין ביי דעם מאָל=שטענדער?

— רעכנט אוים... איך האָב אָנגעהויבן ביי 19 יאָר. אייגנטלעך נאָך צו פערצן יאָר, אָבער דאָס רעכנט זיך נישט. געבוירן בין איך אין 1896 אין לעמבערג. ווי איר זעט, איז דער חשבון אַן איינפאַכער.

— יאָ שוין אַריבער 40 יאָר און איר האַלט אין איין זוכן?

— אַ קינסטלער איז קיינמאָל נישט צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט שוין דערגרייכט. עס רוקן זיך תמיד ארוים נייע מאָלערישע פּראָבלעמען. דאָס לעבן אַליין באַוויזקט אונדזער מאָלעריי, וועלכע דאַרף אין אַ געוויסע מאָס אָפּשפּיגלען די צייט.

— זייט איר, הייסט עס — אַ לעמבערגער. איז אייער הויז, דערציאונג און סביבה געווען א יידישע?

ער קוקט אויף מיר מיט זיינע בלויע אויגן, זיינע אַמאָל בלאָנדע האָר, זענען שוין היפּשלעך גרוי. מען קען נישט זאָגן אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ טיפּישן ייד, גראָד פאַרקערט.

— אַ יידישע? — נישט דורכאוים. די שטוב פון מיינע עלטערן איז

געווען א ביסל בורזשואיש, אַ ביסל אַסימילירט. נאָר בלויז אַ ביסל. מיין זיידע איז אפילו געווען נאַציאָנאַל געשטימט.

ניין, קיין קינסטלער זענען אין דער משפּחה נישט געווען.

אַבערדאַמס לעבן איז געווען ענגג פאַרבונדן מיט די היסטאָרישע געשעענישן פון אונדזער תקופה, און דאָס נישט בלויז ווי אַ צושויער.

ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין 1914, געפינט ער זיך גראָד אין דער מינכענער קונסט־אַקאַדעמיע זייענדיק אַן עסטערייכישער בירגער, ווערט ער מאָביליזירט, פאַלט אריין אין דער רוסישער געפאַנגענשאַפט און פאַרלירט אַזוי אַרום 7 יאָר פון זיין יונג לעבן אין קראַסנאָיאַרסקער געפאַנגענען־לאַגער. אָבער זייענדיק אין געפאַנגענשאַפט, פלעגט ער מאָלן, און האָט אפילו באַוויזן אויסצושטעלן בעת דער רוסישער רעוואָלוציע.

קען זיין, אַז דאָס אומרואיקע לעבן האָט באַווירקט זיין מאָלעריי.

אין 1933 קומט אַבערדאַם אין פּאַריז, וווּ עס הויבט זיך אָן אַ גאָר נייַ קאַפּיטל אין זיין מאָלעריי.

אַבערדאַם איז תמיד געווען דאָס וואָס מען רופט אַ מאָדערנער מאָלער אָבער זיין מאָדערניזם איז מיט טיפע וואָרצלען פאַרבונדן מיטן לעבן, מיטן רעאַלן לעבן, וואָס אינטערליגט אַ באַזונדערע און אייגנאַרטיקע אינטערפּרעטירונג און טראַנספאָרמאַציע.

באַזונדערס קומט עס צום אויסדרוק אין זיין נאָך־מלחמה־פּעריאָד. זיין מאָלעריי באַקומט אַ פיל שטאַרקערן דראַמאַטישן אַקצענט ווי די פון אַמאָל, ווייל דראַמאַטיש, פול מיט ליכט און שאָטן, קאָנפליקטן, איז תמיד געווען זיין מאָלעריי.

אַלס מאָלער זוכט אַבערדאַם צו לייזן, אויסצודרוקן זיין אומרואיקייט, זיין פּראָבלעמאַטיק נאָר אויף אַ מאָלערישן אופן. נישט פאַראַן ביי אים דער מינדעסטער שפּור פון ליטעראַרישקייט, שטייגער. וועלנדיק זיין אַ מאָלער פון זיין צייט, צילט ער אינסטינקטיוו און אינטעלעקטועל איבערצוגעבן אונדזער מענטשלעכע און יידישע דראַמע, דערויף זאָגט עדות א ציקל פון זיינע יידישע פּאָרטרעטן און קאָמפּאָזיציעס, אין וועלכע אונדזער טראַגעדיע דריקט זיך אויס באַזונדערס אין דער טונקעלער גאַמע.

ער זאָגט:

— מיין מאָלעריי איז ווי אַ צעכוואַליעטער ים, איין כוואַליע רופט ארויס א צווייטע. עס איז אן אייביקער פליסן. פרייד, טרויער, דראַמע — דאָס חזרט זיך אָפּט איבער.

דאָס קען מען נישט אויסטייטשן. פאַראַן שלעכטע פעריאָדן, מאַטע־ריעלע, מאָראַלישע, און פאַרשיידענע אַנדערע ראַנגלענישן. דאָס אַלץ באַאיינפלוסט מיין מאָלעריי.

נאָך אַ ווײַלע:

— די פּראָפעסיע פון מאָלער פאַרלאַנגט אַ געוויסע רעזיגנאַציע.

— רעזיגנאַציע?

— יאָ, רעזיגנאַציע פון אויסערלעכן לעבן, פון דער לייכטקייט, באַק־וועמלעכקייט און אויבערפלעכלעכן נאַטור־סטימול. איך קען נישט שקלאַ־פיש אַרבעטן לויט דער נאַטור, זי אינטערעסירט מיך נישט. די היינטיקע יונגע מאָלער הויבן באַלד אָן מיט אַבסטראַקטער מאָלעריי. אָפּט פאַר־פירט עס זיי אויף אומוועגן.

גוטע מאָלעריי איז תמיד אַבסטראַקט. עס איז פאַראַן אן ענגער בונד צווישן דער נאַטור און דער אַבסטראַקציע.

— וואָסערע מאָלערישע טענדענץ איז אייך נאָענט?

— שווער דערויף צו ענטפערן קלאָר. טענדענצן זענען פאַראַן היינט אַ ים. יעדער עכטער מאָלער איז כמעט אַ טענדענץ פאַר זיך.

אַז מען איז יונג מיינט מען, אַז דאָס וואָס מען געפינט אין דעם וועט מען זיך שוין אייביק האַלטן, אָבער שפּעטער איבערצייגט מען זיך אַז קונסט איז אייביקע ענדערונג, ווי די נאַטור, ווי דאָס לעבן.

פאַריז, וואָס איז — ווי ער זאָגט — באַזונדערס גינסטיק פאַרן מאָ־לער, קען אָבער אויך אָפּטמאָל זיין געפערלעך. דאָ באַקומט נישט אַבער־דאַמס מאָלעריי דעם באַקאַנטן חותם פון דער „פאַריזער שולע״. ער איז אַ ביסל ווייטלעך סיי פון די נישט־פאַזיטיווע מאָלער, און סיי פון די מאָ־דערנסטע פיגוראַטיווע מאָלער.

ער שטעלט אויס אין די סאַלאָנען, האָט אינדיווידועלע אויסשטע־לונגען, פון צייט צו צייט אָרגאַניזירט ער אויסשטעלונגען אין אויסלאַנד.



אַבערדאַם אין מירון



אַ פרוי ביים טיש　　　אַבערדאַם

לעצטנס האָט ער ווידעראַמאָל פאַרברענגט אין ישראל, וווּ ער האָט אַ געוויסע צייט געשעפּט אָנרעגונג פאַר אַ רייע יידישע קאָמפּאָזיציעס.

מיר זעען אין זיי די אַמאָליקע יידן אין שולן, ער באַמיט זיך נישט איבערצוגעבן אין זיי דעם כאַראַקטער און די פּנים־שטריכן, נאָר די אַטמאָספער.

דער אַמאָליקער פאַרבן־„געראַנגל“, וואָס איז געווען אַזוי בולט אין זיין מאָלעריי, געפינט איצט אַן אויפלייזונג. דער טונקעלער און גרויער פעריאָד פון נאָך־דער מלחמה לייטערט זיך אויס. די קאָנפליקטן און דראַמעס לייזן זיך אויף.

דער קאָלאָריט ווערט העלער, דער ריטם בולטער. עס פילט זיך דער דראַנג צו אַ מאָלערישער לייזונג פון דער קאָמפּאָזיציע. נאָך אַלץ שוועבט אין זיי אַרום אַ מיסטישע פאַרבאָרגנהייט, די געשטאַלטן „רעדן“ בלויז מיט זייער איבערנאַטירלעכן און אַרכאַאישן געבוי. די געשטאַלטן דאָס מיינט די פּרויען, זיי שאַפן דעם האַלב־מיסטישן, האַלב־דיאָגנעזישן אוניווערס פון זייער קאָמפּאָזיציע.

— וואָסערע מאָלער זענען אייך נאָענט?

— כ'האָב ליב שאַרדען, קאָראָ, דאָמיע און דער עיקר סעזאַן. אַמאָל האָב איך שטאַרק ליב געהאַט רעמבראַנטן.

— דאָס זעט מען אין אייערע אַמאָליקע בילדער.

— וואָס טראַכט איר איבער יידישער מאָלעריי?

אויף זיינע ליפּן באַווייזט זיך אַ שמייכל.

— פון די היינטיקע מאָלער זע איך דאָס יידישע באַזונדערס ביי שאַגאַלן, וואָס איז געווען זייענדיק יונג אַ גרויסער פּאָעט אין דער מאָלעריי. ער איז לעצטנס געוואָרן אינטערנאַציאָנאַל.

אַבערדאַם איז אָנגעטון אין זיינע אַרבעטס־בגדים, זיי זענען באַדעקט מיט פאַרב, און דערמיט ענלעך אויף זיין פּאָלעטרע, וואָס זעט אויס מיט אירע גרויע פאַרב־בערגלעך, ווי אַ ווולקאַנישע ערד, פול מיט קראַטערס.

זיינע בילדער פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיקע פאַרבן־גאַמע, וואָס איז אפשר אויך אַ פּועל יוצא פון דער פאָרם. די גאַמע באַשטייט ס'רוב פון

האַלבע טענער, אַ ניואַנסירטע, געדעמפּטע גרויקייט וואָס ווערט פון צייט צו צייט באַלעבט און אונטערגעשטראָכן מיט אַ לויכטנדיקע ביז גאָר ווייסקייט.

— אונדזער צייט — זאָגט אַבערדאַם — פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חוש פאַר דער דעקאָראַטיווער אַרכיטעקטאָנישער זייט. קען זיין, אַז אין דעם זענען דאָ סימפּטאָמען פון אַ נייעם האַרמאָנישן סאָציאַלן לעבן.

ער ווייזט מיר איייניקע גרויסע לייוונטן אין וועלכע די פּערסאָנאַזשן, מאָנומענטאַל אויפגעבויט, פילן אויס דעם גאַנצן רוים. יעדע פון די געשטאַלטן געפינט זיך אין האַרמאָנישן איינקלאַנג מיט דער צווייטער.

— צי איז דאָס בילד דער סימבאָל פון פרייהייט?

— מיינע בילדער זענען נישט קיין סימבאָלן, און בכלל האַלט איך נישט פון אַ סענטימענטאַלער, מעלאָדראַמאַטישער טענדענציעזער מאָלעריי. די מאָלעריי האָט אירע געזעצן: פאָרם און פאַרב (ווי די מוזיק האָט קלאַנג און ריטם), זי דריקט אויס קודם כל דעם מאָלערס אוניווערז, זיין וויזיע, זיין אויטענטישקייט און זיין פרייהייט. יאָ, עפּעס דערפון איז פאַראַן אין יעדן בילד, ווייל דאָס איז דער פּרימאָרדיאַלסטער ווערט פון אַ קינסטלער.

געוועזן אַ צייט, ווען איך האָב געזוכט אין מיינע בילדער אויסצודרוקן אַ שטימונג, שאַפן אַן אייגנהייטלעכן אַמביאַנס, היינט זוך איך מער די פאָרם, די אַרכיטעקטור און קאָלאָריט, וואָס זאָלן שאַפן די אידעאַלע איינהייט.

— לויט אייך, זענען אייערע בילדער, ווי בכלל די קונסט באַאיינפלוסט פון לעבן. צי האַלט איר נישט, אַז אייער מאָלעריי איז אַ ביסל ווייטלעך פון דער ווירקלעכקייט?

— אפשר. נאָר דעם רעאַליזם, וועלכן איר מיינט, דאַרף מען נישט זוכן אין דער מאָלעריי. די לעצטע 50 יאָר האָבן ראַדיקאַל געענדערט, נישט בלויז אונדזער אָרט לעבן, נאָר אפילו אונדזער סענסיביליטעט איי עסטעטיק. די וואָס מיינען, אַז מיר וועלן אַ מאָל קומען צוריק צו דעם נאַטוראַליזם, צום סאָציאַלן רעאַליזם, זענען זיך טועה.

זייער אָפט איז די געזעלשאַפט אין זין פון קונסט, געבליבן א סך

אונטערשטעליק, באַזונדערס ביי אונדז יידן איז מען נישט געגאַנגען ווייטער פון אימפּרעסיאָניזם, אָבער מיר האָבן צייט...

— אין אייער לעצטער מאָלעריי, שיינט מיר, איז פאַרשווונדן די דראַמאַטישע אומרואיקייט און אַ מין דעמערונג־קאָלאָריט, ווי שאָטנס האָבן מיט זייער שוואַכקייט און פּאַטאַליזם, נישט בלויז אויסגעפילט דעם מאָלערישן רוים, נאָר די פּערסאָנאַזשן גופא. היינט אַנטדעק איך מער אין אייער מאָלעריי אַן אויפלייזונג פון די „שלייערן און וואָלקנס“, אַ נייע ליכט און „אָנזאָג“ זייט אין זיי אויף.

— מעגלעך, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן פון זוכן, קאַמף און ליידן, איז דאָס ביסל פרייד און גלויבן ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַ קינסטלער.

פון די הויכע ווענט קוקן אַרונטער זיינע אַמאָליקע בילדער: „אַ כלה אַרומגערינגלט מיט חברטעס“. אין דעם בילד איז פאַראַן אַ סך שטימונג, ליריזם. די פּערסאָנאַזשן זענען אין דער שטוב, אויף וועמענס ווענט עס שפּילן זיך ליכט און שאָטן־פלעקן, קליין, ווי פאַרלוירן אין דעם גרויסן אַרום.

אויף זיינע איצטיקע לייוונטן, איז דער מענטש דער הויפּט־צענטער פון די בילדער. ער פילט אוים מיט זיין אָנוועזנהייט דעם מאָלערישן רוים. ער איז דאָס וועזנטלעכסטע.

די ערשטע אויסשטעלונג פון יידישע מאָלער, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר דער מלחמה איז פּאַריז, אין אַן ארבעטער־קלוב, איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַבערדאַם. זי האָט געהייסן „דאָס מענטשלעכע פּנים“. מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט איז שוין אַדורך.

נאָר דאָס וועזנטלעכסטע, דער מאָלערישער אמת, דער ענטוזיאַזם און בענקשאַפט וואָס זענען געווען אין אים — זענען תמיד פאַרבליבן די זעלבע, אפשר נאָך מער אויסגעלייטערט...

ווען איך גיי אַרויס, פאַרריגלט ער די טיר. ער בלייבט אַליין, איינער אַליין, נישט בלויז אין זיין אַטעליע, נאָר אויך מיט זיין אַרט מאָלעריי, וואָס צילט צו שאַפן די סינטעזע פוןווירקלעכקייט און אַבסטראַקציע.

אינדענבוים

פון זיין „יהודה המכבי“, וועלכער האָט שוין אין יאָר 1911 צונגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף דער אויסשטעלונג פון פּאַריזער סאַלאָן, ביז זיינע שאַפונגען פון די לעצטע יאָרן, איז פאַראַן אן ענגער און אָרגאַנישער צוזאַמענהאַנג. ער איז קלאָר, פאַרפולקאָמט דורך דער רייפקייט און מייסטערשאַפט וועלכע אינדענבוים האָט דערוואָרבן

זיין נאָמען איז באַקאַנט. אַ רייע מאָנאָגראַפיעס האָבן מער ווייניקער פּאָפּולאַריזירט זיינע ווערק. די סיבה פאַרוואָס אינדענבוים „קלינגט“ נישט אין דער וועלט, ווי עס איז דער פאַל מיט אַ געוויסע צאָל „אויסדערוויילטע“, איז אַ פשוטע. ער איז צו שטאַרק ענלעך לויט זיין כאַראַקטער, עמפינדונג און לעבנס־אופן צו זיינע סקולפּטורן. זיי רעש'ן נישט, זיי טומלען נישט מיט אויפטרייסלערישע פאָרמען, נאָר זיי דריקן אוים א שטילן לעבנס אמת און גלויבן אין מענטשן, אין טיפער געטריישאַפט צו זיך אַליין. — דאָס זענען ווערטן, וואָס ווערן בלויז אָפּגעשאַצט דורך יחידים און דורך דער — צייט.

און שליסלעך אינדענבוימען אַרט עס גאָר קנאַפּ. אין זיין ערגעץ־ווו פאַררוקטער אַטעליע, אין אַ פּאַריזער ווינקל, איז ער מיט אַלע זיינע חושים און גלויבן אַריינגעטון אינעם פאַרקערפּערן — אין שטיין און בראָנז — זיין שטילן געזאַנג צום מענטשן.

אינדענבוימס בלאַסער, אַסקעטישער פנים אין וועלכן עס לייכטן בלוי־

גרויע אויגן, דריקן טאַקע אויס אַ מין אָלימפּישע רואיקייט און אָריענטאַ־לישע לעבנס־חכמה. ער געהערט צו דעם מין קינסטלער, וואָס האָבן פאַר זיך די קריטעריע פון אמת און צייט.

אין דרויסן איז אַ קאַלטער טאָג. זיין פּראַקטיקער אָטעם גנבעט זיך אַריין דורך אַלע שפּאַרעס און שפּאַרונקעלעך מיט וועלכע עס זענען פאַר־זען די אַלטפרענקישע „פּראָוויזאָרישע" קינסטלער־אַטעליעס

בלויז אין דער נאָענטער שכנהשאַפט מיטן „גאָרען" (אויוון), אין וועל־כן עס טליעט אַ שופלע „קאָקס"־קוילן, איז אַ ביסל לעבלעך. זיצט ער טאַקע אין אַ פוטערנעם שפּענצער.

— אַזאַ געוווינשאַפט ביי מיר...

זייט יאָרן פּרוווט אינדערנבוים געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין „סי בירישן" הולך

— איר קענט — זאָגט ער — זיצן אין מאַנטל, אָבער באַלד וועט ווערן וואַרעמער. ער איז אַ ביסל קאַפּריזנע, מיין אויוון, כאָטש איך קאָר־מע אים מיט בעלגישע „אַנטראַציט"!...

— אָ, עס מאַכט נישט. איך וועל זיצן אין מאַנטל. איך שטער אייך נישט?

— ניין, מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— איך וואָלט וועלן באַקענען דעם יידישן לייענער מיט אונזערע קינס־טלער, זייערע ווערק און זייער לעבן. און דערפאַר וואָלט איך וועלן...

— וואָס איז דאָ — רייסט איבער אינדערנבוים — צו דערציילן. אַלץ איז זייער פּראָסט און איינפאַך. אַ לעבן אָן סענסאַציעס, אָן אויסערגע־וויינלעכע פּאַסירונגען; אַ לעבן פון אַ קינסטלער, וואָס וווינט נאָך אַלץ נישט ווייט פון „לאַ ריש" (בינשטאָק), וואָס גייט נאָך אַלץ אין זיין אַטע־ליע אין טרעפּעס. דאָס האָט נישט קיין צוציאונגס־קראַפט פאַר אַ יידישן און נישט יידישן לייענער.

— איר זענט אַ ביסל פאַרביטערט, פר' אינדערנבוים.

— אָ ניין. פאַרקערט, פון צייט צו צייט עפנט זיך די טיר פון מיין

אַטעליע און עס באַזוכט מיך אַ קונסט־ליבהאָבער. און דאָס איז פאַר מיר גענוג. אַט איר זעט דאָ די בראָנזענע סטאַטוע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ פרוי, וואָס האַלט אין אירע הענט אַ בוך.

— יאָ, איך קען די סקולפּטור שוין פון לאַנג. זי דריקט מיט זיך אויס אַזוי פיל גייסטיקייט און אַנדערשקייט. ווי אַ פאַרשוווּנדענע געשטאַלט.

— יאָ, מיר אַלע זענען אויס אַ ביסל ווי פאַרשוווּנדענע, פאַרצייטיקע געשטאַלטן... אַט די סקולפּטור איז שטאַרק געפעלן אַ יידישן דרוקער־אַרבעטער. אפשר צוליבן בוך, און ער האָט געוואָלט האָבן די סקולפּטור פאַר זיך. מעגלעך פאַר אַ יידישן מוזיי, וועלכן ער וויל עס שענקען. מעג־לעך, פאַרשטייט זיך אַז ער האָט מיר נישט געקענט באַצאָלן דעם ווערט פון דער סקולפּטור. איך בין אָבער געווען אַזוי גערירט און איבעראַשט פון דעם זין פאַר קונסט, וועלכן ער האָט אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב אים פאַרגעלייגט בלויז צו באַצאָלן דעם פּרייז פון בראָנזענעם אָפּגוס. ער איז דערויף איינגעגאַנגען מיט שמחה. און איצטער צאָלט ער אויס חודשלעך דעם מאַטעריעלן באַטרעף פון דער סקולפּטור.

עס איז דערפרייענדיק אַט דאָס, און איז ממש סימבאָליש.

— פאַרוואָס סימבאָליש?

— ווייל אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, וואָלט אומעגלעך געווען, אַז אַ ייד, וואָס וווינט אויפן רעכטן ברעג סען, זאָל קומען צו אַ קינסטלער פון „לינקן ברעג". מיר זענען געווען ווייט איינע פון די צווייטע. ווי צוויי באַזונדערע וועלטן. איר דאַרפט וויסן, אַז איך רעד וועגן דער צייט פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין נאָר וואָס געקומען אין פּאַריז, פון רוסלאַנד. און דאָס איז נישט געווען נעכטן!

בעת ער דערמאָנט יענע צייטן, באַקומען אינדעבוימס גרוי־בלויע אויגן אַ באַזונדערן מילדערן אָפּגלאַנץ. אַרום זיין מויל פאַרטיפט זיך אַ קוים מערקבאַרער שמייכל.

— נישט אַלץ האָט זיך געענדערט צום שלעכטן — זאָג איך. איר זעט דאָך, אַז די „בריקן" צווישן „לינקן" און „רעכטן" ברעג, וואָס האָבן ראַדיקאַל אָפּגעטיילט דעם יידישן פאָלקס־מענטש פון זיינע קינסטלער

א י נ ד ע נ ב ו י ם   סקולפטור פון אַ יונגן מאַן
קאָלעקציע פון ד"ר מילער



אינדענבוים פרויען-געשטאלט

קאָלעקציע פון ד"ר מילער

און אינטעלעקטואַלן, און אויך פאַרקערט, זענען פאַרשוווּנדן. די יידישע געזעלשאַפט ווייזט היינט אַרויס מערער, באַציאונג און פאַראינטערעסירונג פאַר אירע קינסטלער און זייער שאַפונגען. דאָס איז צו באַגריסן.

— יאָ, אויב מען וויל. עס איז בלויז אַ פראַגע, וויפיל עס איז אין דעם פאַראַן אויפריכטיקער, אויטענטישער געפיל, און וויפיל סנאָביזם?

— אפילו ווען די דערשיינונג וואָלט געווען בלויז אַ סנאָביסטישע, איז עס אויך אַ געווינס, ווייל סנאָביזם איז אין אַ געוויסן זין א שטיקל מדרגה! עס קען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין א יש.

— אפשר אָבער אינגאַנצן איבערצייגט בין איך נישט. מיט דער קונסט ווי מיט א גלויבן אין אן אידעאַל, דאַרף זיין אן אינערלעכער און כמעט אן אָרגאַנישער בונד, אַז נישט האָט עס מישט קיין תיקון.

— מען זעט אַז איר זענט אַביסל אָפגעריסן פון יידישן לעבן. עס זענען פאָרגעקומען ענדערונגען. נישט בלויז דעם קינסטלערס שאַפן רופט היינט אַרויס אַן אינטערעס, נאָר אויך זיין וואָרט, בפרט ווען ער האָט, ווי עס איז דאָ דער פאַל, עפעס צו זאָגן.

— וואָס איז דאָ צו זאָגן. דער קינסטלער רעדט מיט זיין ווערק.

— קלאָר, פאַראַן א פולע מיט אַנעקדאָטן, פאַקטן, איבערלעבונגען, טראַגישע און אַמוזאַנטע. אַ קלייניקייט, אַזאַ שפאַן פון שטין איבער 40 יאָר, ווי איך בין אָנגעקומען אין פאַריז.

גראָד איז עס געווען אין חודש מערץ. ווי איבעראַשט בין איך גע ווען, ווען איך האָב באַהערקט אויף די גאַסן פון פאַריז קאַשטאַנען־בוימער באַדעקט מיט ווייסן צוויט. א ריח פון פרילינג און האָפענונג האָט מיך דורכגעדרונגען, ווען איך בין אָנגעקומען אין „לאַ ריש“.

עס איז טאַקע געווען ווי אין אַ בינשטאָק: אפשר צוליב דער פלייסיקייט און צוליב באַוווּסטקייט פון בינען. ווייל אַ צייט איז געווען פון זיי כעניישן, בלאָנזשעניש. איך האָב שוין אָנגעטראָפן קינסטלער פון רוסלאנד, פוילן, א. א. וו.

ווי אַזוי האָבן די מאָלער באַוויזן דעם וווּנדער פון פאַרבינדן אַ טאָג מיט אַ טאָג, איז געווען א סוד פאַר זיי אַליין.

אמת, דער אַמאָליקער פּאַריזער קרעמער האָט געגעבן עסנוואַרג אויף באָרג. פון צייט צו צייט האָט מען פאַרט עפּעס פאַרקויפט, איז געווען צו פאַרשטופּן די דעפּיציט-לעכער. דירה-געלט האָט מען קנאַפּ געצאָלט. מילא, איר זעט דאָך, מען איז אָנגעקומען מער ווייניקער גאַנצערהייט. א חוץ די, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן מיטן-וועג...

— ווו איז טאַקע געווען דער כוח? — פרעג איך?

— דער כוח, ווער ווייסט? אפשר איז עס גלויבן, קינסטלערישע באַשערקייט, אָדער פּראָסט פּשוט, דאָס איינגאַרטיקע מאָדנע לעבן פון א קינסטלער, וואָס מיז אָפּט באַצאָלן מיט זיין לעבן פאַר דער אומשטערבלעכקייט פון זיין קונסט-ווערק; איר זעט, דאָס וועט אונז צו ווייט פאַרפירן. פאָרמען, ווי פּאַסט איר אויף, פר' אינדענבוים, די קונסט?

— נאָך 40 יאָר אַרבעטן אין פּאַריז, אין דעם קעסל-גרוב פון קונסט-

— די קונסט? זי דאַרף זיין אויפריכטיק און מענטשלעך. עמיל זאָלאָס דעפיניציע פון קונסט איז נאָך אַלץ ממשותדיק. די קונסט, האָט ער געזאָגט, דאָס איז דאָס לעבן געזען דורך אַ טעמפּעראַמענט.

— צי איז לויט אייך, פאַראַן אַ יידישע קונסט?

— שווער צו זאָגן אַ דעפיניטיוון ענטפער אויף אַזאַ פראַגע, נאָר איך מיין אז יעדער יידישער קינסטלער ברענגט אַריין אין זיין קונסט א ספּעציפישן טעמפּעראַמענט. סוטין, מאָדיליאַני, פּאַסקין, קיסלינג קאַרם און אַנדערע, הגם זיי קומען פון פאַרשידענע האַרייזאָנטן, זענען זיי באַהויכט מיט עטוואָס אייגנאַרטיקעס.

די מאָדערנע קונסט איז שטאַרק באַרייכערט געוואָרן, צווישן אַנדערע מיט א יידישן מאָלערישן אייגנאַרט און וויזיע, אָבער דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, איז בלויז אַן אָנפאַנג, א יסוד פאַר עטוואָס וואָס האָלט אין ווערן.

— צי אינספּירירט איר זיך איצטער, ווי אַמאָל, פאַר אייער אָנפאַנג מיט אַ ביבלישער און יידישער טעמאַטיק?

— די ביבל, אויב זי אינספּירירט מיך, איז אפשר דורך דער פּריזמע אין קינסטלערישער אויסערונג פון מצרים. יאָ, די וואונדערבאַרע עגיפּטישע סטאַטועטקעס פאַרמאָגן דאָס שלימותדיקע פון דער ביבל-פאָרם

אַנטשער

יצחק אַנטשער גייט איבער גאַטס וועלטל מיט שווערע טריט אויף שטילע, פאַרלאָזענע סטעזשקעס. ווייט פון ברייטן שליאַך. אויף זיי פילט ער זיך זיכערער, היימישער, עס אָטעמט זיך אים פרייער און דער לויב פאַרן באַשאַף, קומט ביי אים אַרויס אינטימער. ווען ער באַגעגנט אַ סענקעוואַטן בוים, שטעלט ער זיך אָפּ באַוואונדערט: ווי שיין איז דער בוים.

ציט ער אַראָפּ פון זיינע ברייטע פּלייצעס דאָס מאָלער־רענצל, שטעלט אַוועק זיין שטענדער און הויבט אָן מיט התלהבות צו מאָלן אַ תפילה פאַרן דעמב, סאָסנע, בוק... ווען די זון פאַרוויטלט די בוימער־קרוינען נעמט אַנטשער צונויף זיינע מכשירים און לאָזט זיך גיין ווייטער.

גייט פאַרביי אַ פּויער און פרעגט מיט די ווערטער פון משה קולבאַקס ליד: „צאָ סליכאַטש נאַ שוויעצע?“. עס „העטשע פּעטשע“. וואָס טאַקע גייט אים אָן די וועלט. אַז, ווי די בוימער וואָלטן זי פאַר אים פאַרשטעלט. וואַקסן זיי טאַקע אַרויס רחבותדיק, זאַפטיק, קאַרעניאַסטיק אויף, כמעט אַלע זיינע לייוונטן. אונטער לייכט פאַרוואָלקנטע הימלען, פרידלעך־בלויע אויף גרינע סאַמעטענע טעפּיכער און עטעמען פון זיך אַ שפּעט זומערדיקע אידילישקייט.

אין אַנטשערס אויסערלעבקייט איז פאַראַן ענלעכס פון אַ שטאַמיקן

בוים, זיין הויכע געשטאַלט איז אַ ביסל איינגעבויגן ווי אונטער אַ שווערע מישא, ווי די פון גייערם. זי אָטעמט פון זיך אַרוים פשוטקייט, פאַרלעגנהייט און שטילקייט פון ישובניקעס. אָבער וואָס עס דאָמינירט אין דעם ריז איז זיין מילדקייט, דער קינדערישער אויסדרוק פון זיינע אויגן.

די צייט גייט, די לעבנס אופנים האָבן זיך געביטן, די לאַנדשאַפט אין גאָר אַן אַנדערע. אָבער ער מאָלט היינט דעם זעלבן בוים, וואָס האָט געוואַקסן אין דעם פרעסעטשנער וואַלד. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ער מאָלט זיין בוים, זיין לאַנדשאַפט, זיין שטעטל. אַזוי ווי ער האָט זיי אַמאָל דערפילט, באַנומען.

אַנטשער, וואָס וווינט שוין לאַנג אין פאַריז, (דאָס ערשטע מאָל איז ער געקומען אין 1920) האָט געחלומט צו האָבן אַ לייטישע אַטעליע, אָנ:ער עס חלומט זיך לייכטער ווי עס רעאַליזירט זיך. עס איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס אַנטשער האָט זיך אויסגעקליבן פאַר זיין וווינאָרט אַ פאַריזער „באַנליע", מאַלאַקאָוו. עס איז פאַריז און גלייכצייטיק פּראָווינץ, אָבער מען געפינט דאָ אין דער נאָענטסטער שכנות שטילע מאָלערישע ווינקלען. און מער באַדאַרפט נישט אַנטשער.

זיין אַטעליע=וווינונג געפינט זיך אין אַ מאָדערן שטאָטיש הויז. אַלץ איז דאָ ציכטיק, שבתדיק ריין, אפילו אין דער שטוב וואָס דינט אים ווי אַן אַטעליע. אין די ווינקלען שטייען די גרויסע בילדער. אַ קליין חנוכה=לעמפל שימערט מיט אַ מעשענעם אָפּשיין אויפן ספרים=שענקל. די פּאָליטרע אויף אַ בענקל, נעבן דעם מאָל=שטענדער איז ווי פּאָלירט. קליינע פונקטן פרישע פאַרב לויכטן מיט זייער האַרמאָנישער גאַמע. אָט די קאָלירן וואָס מען טרעפט אָן אויף אַנטשערס בילדער. דורך דעם פענצטער קוקט אַריין אַ ווייטער הימל. ווען דו שטייסט ביי אים נאָענט אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אונטן אַ ריזעדיקער פּאַנאָראַמע=אויסבליק פון די וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די פאַריזער פאָרשטעט.

עס זענען פאַראַן מאָלער=באָהעמען, און מאָלער פּראָלעטאַריער. די וועגן פוןביידע סאָרטן מאָלער זענען נישט אויסגעפלאַסטערט מיט רויזן. נאָר אין דער צייט ווען די מאָלער=באָהעמען וועלן האַלטן פאַר אַ פאַראַט יעטוועדן פּראָפעסיאָנעלן אָפּנויג און זיך האַלטן אין פּרינציפּ צו לעבן אָדער הונגערן — בלויז פון מאָלעריי, איז דער צווייטער מין מער קאָנצעסיע=



אַנטשער — אין אינטערנירונגס־לאַגער



א. גטשער — דעם קינסטלערס אייוועלע

מעסיק איינגעשטעלט. „טאַן פּי“, זאָגן זיי. לאָמיר פּאָרלויפּיק אַ ביסל אַרבעטן אויך. העלפן דער פאַמיליע, מיט פּראַצע, אויב מען קען עס נאָר נישט באַווייזן מיט דער קונסט.

אַנטשער געהער אויך צו דער סאָרט מאָלער=פּראָלעטאַריער. דאָס נעמט זיך פון זיין אָפּשטאַם, דערציאונג און וועזן. באַקומען האָט ער עס אין פּערסעטשנע (בעסאַראַביע), וווּ ער איז געבוירן געוואָרן אין 1899 ביי זייער פרומע טראַדיציאָנעלע יידן. אַנטשערס טאַטע, פאַרשטייט זיך, האָט מאָלעריי נישט געהאַלן פאַר אַ „וואַזשנע פּרנסה“.

„וויים איך וואָס, מען דאַרף טראַכטן וועגן תּכלית“. בלויז זיין עלטערע שוועסטער, וואָס איז געווען זייער אַ באַלעזענע, האָט אים דערמוטיקט, דערציילנדיק וועגן גרויסן מאָלער רעפּין און וועגן די איטאַליענישע מייסטערס. זי האָט געווירקט אויפן ברודער, אים צוגעגעבן קוראַזש, און אפשר וואָלט דער טאַטע זיך אויך געלאָזט איבערעדן און געשיקט זיין 15 יעריקן זון קיין אָדעס, אין דער צייכן=שול, ווען עס וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט אַ... גנב, וועלכער האָט רואינירט אַנטשערס פאָטער און זיין חלום.

„מילא דו זעסט דאָך אַליין, מוזיניקל מיינער — אַנטשער איז געווען דער ניינטער — ביזט ברוך השם אַ יונג מיט ביינער, וועסט פאַרדינען דיין שטיקל ברויט“.

און אַנטשער איז אַוועק אין וואַלד אַריין. דאָרטן איז ער פאַרבליבן גאַנצע פינף יאָר. קלאָר: דער וואַלד האָט אַ קנאַפּן שייכות מיט אַ קונסט=אַקאַדעמיע. אָבער זיכער איז, אַז ער האָט אויסגעאיבט אויף דעם יוגנטלעכן אַנטשער אַ גרויסע השפּעה און אפשר דערפון נעמט זיך זיין ליידנשאַפט צום בוים, צו דער נאַטור. די ליבע וועלכע עס האָבן ארויסגעוויזן די מאָלער פון באַרביזאָן: רוסאָ, מילע, קאָראָ, צו וועלכע אַנטשערס מאָלעריי איז זייער נאָענט און קרוביש. אָבער נאָך די רעלאַטיוו=רואיקע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים די גרויסע אומרואיקע צייט פון וואַנדערן.

1920 איז אַנטשער געקומען קיין צפון=פראַנקרייך וווּ ער האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין די קוילן גרובן. אָבער דער זון פון וואַלד האָט ליבער געהאַט דעם בוים אין זיין נאַטירלעכער פאָרם ווי אין זיין פאַרקוילטער. און ער איז אַוועק צו די עקאַליפּטוס=בוימער. ניין, דאָס זענען נישט קיין דעמבעס. אָבער דערפאַר שמעקן זיי מיט ארץ=ישראל=ריחות,

האָט ער דאָרט שווער געאַרבעט און גלייכצייטיק באַזוכט די בצלאל־שולע. נאָך דריי יאָר, קומט ער ווידער אין פראַנקרייך. קיין פּאַריז.

דאָ הויבט זיך אַ לאַנג און שווער קאַפּיטל פון אַ מאָזאָליעדיקן לעבן. פאַבריק, שטובן־מאָלעריי, אָבער דערביי שטעלט ער אויס אין 1926 אַ בילד אין האַרבסט־סאַלאָן. 1928 באַקענט זיך מיט זיין מאָלעריי דער קונסט־הענדלער זבאָראָווסקי (דער פון מאָדיליאַני און סוטין) און ער מאָלט פאַר אים אין משך פון צוויי יאָר.

אויך דער קאָלעקציאָנער נעטער אינטערעסירט זיך מיט זיין מאָלעריי, אָבער אין 1932 ברעכט אויס אַ שווערער קריזיס, און עס איז אַ סוף צו די „זאַטע יאָרן“.

— פאַרקויפן אַ בילד איז דאַן געווען שווער, אָנגעקומען מיט שוויים — זאָגט אַנטשער. — האָב איך נישט לאַנג געטראַכט און זיך צוריק גענומען צו מיינע „פּאַכן“ אָבער כ׳האָב אויך געמאָלן בילדער, אַ חוץ שטובן. און טאַקע מאָלנדיק די שטובן האָב איך צעבראָכן אַ פוס. עס טרעפט נעבעך. אָבער אַנטשער איז ווי אַ דעמב, און אַז עס פאַלט אַזאַ דעמב... צוויי יאָר האָט ער נישט געקענט גיין „אויף אַ מאָטיוו“, דאָס הייסט ארויס גיין אין דרויסן און מאָלן זיין באַליבטע טעמאַטיק, די נאַטור. און ווען ער האָט שוין ענדלעך געקענט מאָלן אינדרויסן, האָט דער הימל זיך פלוצים באַדעקט מיט פינצטערע כמאַרעס.

ס׳איז דאָס יאָר 1939. אַנטשער אַנגאַזשירט זיך אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. נאָך דער דעמאָביליזאַציע וווינט ער צוויי יאָר אין מאָנפּעליע, וווּ ער לעבט אַ דאַנק זיינע בילדער. ווען די געפאַר ווערט גרעסער און באַדראָט הויפּטזעכלעך זיינע צוויי קינדער, אַנטלויפט אַנטשער מיט זיין משפחה אין דער שווייץ, וווּ ער ווערט אינטערנירט אין אַ לאַגער.

— די שווייץ איז זייער אַ שיין לאַנד, באַזונדערס פאַר אַ מאָלער, אָבער ווען ער קען עס מאָלן. אין לאַגער האָב איך געאַרבעט ווי אַלע אַנדערע — דערציילט ווייטער אַנטשער — פאַרשטייט זיך אַז מיר זענען דאַנקבאַר די שווייצער. איך האָב געמאָלן פון צייט צו צייט און אפילו פאַרקויפט אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון אַ קונסט־אַמאַטאָר. ווען עס איז שוין געקומען די באַפרייאונג, און צוזאַמען מיט אַלע מיינע פריינד זיך שוין געגרייט צו פאָרן אַ היים, האָב איך גראָד געמוזט צעברעכן אַ האַנט.

אַלע איבערברוך־עטאַפּן ביי אַנטשערן פֿאַלן זיך צונויף מיט קערפּערלעכע ברוכן... אָבער מען דאַרף דערביי צוגעבן אַז קיין שום געשעענישן זענען נישט אומשטאַנד צו ברעכן זיין ווילן, אָפּצושוואַכן זיין בטחון. אַ דאַנק טאַקע דעם כח און אַטאַוויסטישער עקשנות האָט ער געקאָנט באַקעמפן אַלע שוועריקייטן, איבעראַקערן וויסטע, פּרוכטלאָזע ערד און „פּאַרפלאַנצן" זיינע קערנדיקע, זאַפטיקע ביימער, גאַנצע וועלדער, גערטנער וואָס באַדעקן הונדערטער זיינע בילדער, וואָס באַצירן הונדערטער פֿון יידישע און נישט יידישע שטובן, גאַלעריעס און מוזייען.

זיין קאָלאָריט איז אַ צאַרטער, וואַרעמער. אפילו דער פֿון די ווינטערפּייזאַזשן. אויך אין דער נאַטור וויברירן די קאָלירן אין אַן איינהייטלעכן ביינאַמען. בלויז בעת קאַטאַקליזמען, צייט־איבערברוכן, ברעכט אויך אויס די קאָלאָריט־דראַמע, די אומרואיקייט אין דער נאַטור.

אידיליש און האַרמאָניש זענען זיינע בילדער. זייענדיק אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דער נאַטור, זענען זיי אָבער אינטערפּרעטירט דורך דעם אַמאָליקן בחור פֿון די פּרעסעטשנער וועלדער. און דערפֿאַר אפשר באַמערקט מען אַז די צווייגן פֿון זיינע קאָרענאַסטע ביימער זענען קנוילן צונויפגעפלאָכטן, ווייטיקלעך פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרגליווערט אין אַ מין שרעקהאַפטער אומרואיקייט. מעגלעך אַז אַנטשער קען בעסער די נשמה פֿון די וועלדער ווי מיר.

אָבער אַנטשער מאָלט נישט בלויז אויף אַ פּאַנטעאיסטישן אופֿן דעם וואַלד. אויך די שטאָט. דאָס דאָרף. דער אַרבעט־מענטש געפֿינט דאָ זיינע באַליבטע סוזשעטן. אָבער דאָס מענטשלעכע פּנים האָט פֿאַר אים מער סודות ווי דער בוים.

און ער? ער האָט ליב די פּשוטקייט אַליין. גייט ער אַזוי איבער זיין אייגענעם פֿעלד־שלאַך מיט שווערע, מיושבדיקע טריט. באַגעגנט אַ בוים און זאָגט: „אַ, ווי שיין איז דער בוים". שטעלט ער אַוועק זיין מאָל־שטענדער מיט אַ שניי־ווייסע לייוונט און כהרף עין וואַקסט אַרויס אַ בוים. אויף אַ גרין מאָכעדיקער ערד, צווישן וועלכע עס שלענגלט זיך אַ סטעזשקע, וואָס פֿירט צו אַ צווייטן, דריטן, צענטן און הונדערטסטן בוים. און צווישן די שוואַרץ־ברוינע צווייגן און גרויע בלעטער קרוינען, שיינט אַדורך בלאַסבלויער פֿרידלעכער הימל, אָפּטמאָל מיט אַ ווייס וואָלקנדל.

בען

דאָס געסל, נישט ווייט פון פּאַרק סען־קלו, וווּ דער קינסטלער בען וווינט, האָט אַמאָל געהייסן „רי לאַ גראָט“. דער נאָמען „גראָט“ איז אין אַ שרייענדיקן קאָנטראַסט צו די מאָדערנע הויך־שטאָקיקע הייזער, וואָס ציען זיך ווי אַ רויטער פּלעק לענג אויס איין זייט גאַס קעגנאיבער דער זון. די אַנדערע זייט איז פּוסט, פאַרשטעלט מיט פאַרקאַנעס אונטער וועלכע עס זעען זיך פון צייט צו צייט, פליענדיקע ווייסע טענים־באַלעמס.

די ווייסע באַלעמס פליען אַהין און צוריק איבער נעצן. די גאַס איז שוין גאָר נישט „גראָטע“ מעסיק. אָבער נעמען פון גאַסן און אפילו פון מענשן, גייען נישט תמיד האַנט ביי האַנט מיט דער רעאַליטעט. אַזוי אויך דער נאָמען „בען“ צי דער פון זיין פרוי „געראַ“, זיי זענען ווי סימבאָלן, אַבסטראַקטע באַצייכענונגען, אַ מין אימאַזשינערע „קאַרט דאַנטיטע“. זיי זענען אָפּטמאָל אוניווערסאַלער און קאָנקרעטער פון דערווירקלעכקייט.

וווינט בען אויפן העכסטן שטאָק פון דעם הויז צופיסנס פון אַ רחבותדיקער פּאַריזער פּאַנאָראַמע. דאָ לעבט ער, און מיט אים זיין מאָלעריי. אַ ניגון, וועלכן ער ברומט בעתן מאָלן, באַגלייט זיין שאַפעריש ווערק.

אין דער צייט געפינט זיך די מאָלערין געראַ אויף דער טעראַסע פאַר זיך אַליין. זי קניט פאַר אַ לייוונט, רעציטירט דערביי פּושקינען, כאַפּט

א שמועס מיט א דורכפליענדיקער טויב און א לבנה=ארטיקער פּייזאַזש ווערט געבוירן אָט אַזוי זיך, „נישט מיר, נישט דיר" — ווי עס זאָגט א פּאָלקס=ווערטל·

די וועגן פון יצירה זענען פאַרשידנאַרטיק· ביי איינעם זענען זיי דורכגעוויטיקט, ביי אן אנדערן דורכגעזונגען, ביי אן אנדערן ווידער דורכגעטראַכט· גילטיק איז בלויז דער רעזולטאַט·

אָבער מיר דאַכט, אַז ווען די דריי מאָמענטן: ווייטיק, פרייד און געדאַנק, טרעפן זיך צונויף אין א גליקלעכן בונד, שאַפט דער קינסטלער שעדעווורען·

בען, דער זון פון ביאַליסטאָקער ארכיטעקט ראַבינאָוויטש, האָט אַריינגעבראַכט אין דער מאָלעריי פון די יידישע קינסטלער א באַזונדערן ניגון· אויב עס וואָלט מעגלעך געווען אויסצובאָרגן א טערמין פון אַנדערן קונסט=אָפּשניט, וואָלט איך אים גענומען אין טעאַטער, כדי צו באַצייכענען בען׳ס מאָלערישע וויזיע. און דאָס איז: „קאָמעדיא דעל אַרטע"·

פאַראַן זייער א סך ספּיריטועלע ענלעכקייט צווישן דעם איטאַליענישן טעאַטראַלן „קאָמעדיא דעל אַרטע" און בען׳ס מאָלערישע וויזיע·

דערלויבט מיר א דיגרעסיע: איך באַמי מיך תמיד צו זוכן א באַשייד פאַר דעם אופן פון שאַפן פון א קינסטלער אין זיין יוגנטלעכער סביבה: הויז, שטאָט, אָפּשטאַם א· אַז· וו· די השפעה האָט א סך צו זאָגן אין דער שעפערישער געשטאַלטונג פון א קינסטלער·

די שטאָט ביאַליסטאָק, צווישן וואַרשע און ווילנע, האָט אין זיך אויסגעטראָגן דעם ליטווישן ראַציאָנאַליזם· יידישלעכער אויסגעדריקט, מיינט עס: דאָס מתנגדישע און דאָס חסידישע· דער עיקר איז צו געפינען פון טעזע און אנטיטעזע דעם סינטעז. און מיר דאַכט זיך, אַז אין בען׳ס מאָלעריי איז זי פאַראַן אין אַ פּלאַסטישער בולטקייט· דאָס אין פלוג, קעגנזעצלעכע, און די קאָנטראַסטאַרטיקייט, געפינט ביים קינסטלער בען א גליקלעכן תיקון· זיין חלום איז ראַציאָנעל, זיין ראַציאָנעלקייט אין אַבסטראַקט· זיין פּאָעזיע איז נישט קיין סטיכיש ספּאָנטאַנער אויפברויז, נאָר א געצוימטער אין א מין מאָלערישן קלאַסישן אַלעקסאנדרין*) און וואָס

*) א פאָרם אין דער פּאָעזיע

שייך דעם טעאַטראַלן מאָמענט, וואָס מיינט די פאַרבינדונג צווישן פיק־טיוו און רעאַלן, וועלכער שאַפט אין בענ'ס בילדער א געוויסע אייגנהייט. ווען דעם זאָגט ער מיר אַליין:

„דאָס נעמט זיך אפשר דערפון, אַז זייענדיק נאָך גאָר יונג, האָט מיך דער מאָלער ראָזאָניעצקי, ציפּרעס, אַרונטערגעפירט הינטער די קוליסן פון דער סצענע. עס האָט אין מיר ארויסגערופן א שטאַרקן „שאָק" און דאָס איז אין מיר געבליבן ביז היינט צו טאָג".

★

בענ'ס אַטעליע איז אויסערלעך זייער ווייט ענלעך אויף די, פון די מאָנפּאַרנאַסער מאָלער. נישט קיין שטויב, נישט קיין רויך, נישט קיין „אַרטיסטישע" אומאָרדענונג. אַלץ איז „געוואוינט און געמאָסטן", יעדער קענג־שטאַנד האָט זיין באַשטימטן אָרט, יעדער קאָלאָריסטישער פלעק זיין באַשערטקייט, די פענזלען אין זייערע טעפּלעך, זענען „ריין ווי גאָלד" די פּאַליטרע מיט איר פאַרבן־גאַמע האָט איר נישט־פאַרענדערלעכן סדר. די צענדליקער בילדער אין קעמערל זענען „אויסמושטרירט" לויט זייער גרייס און פּעריאָד. די גרויסע בילדער אויף די ווענט איבערשטייגן נישט דעם אָפּגעבלאַקעוועטן טאַפּעטן־גדר, אַלץ וואָס איז דאָ: דער ארום און די בילדער זאָגן עדות אויף א מוסטער־האַפטער אָרדנונג און אַרכיטעקטאָנישן גלייכגעוויכט.

ווען מיר וואָלטן בלויז געמשפּט דעם מענטשן און דאָס לעבן לויט אן אויסערלעכער פאָרם, וואָלטן מיר געקענט זאָגן, אַז דאָ באַשיינט אַלץ אַ גליקלעכער זונען־פלעק. אַז אַלץ דאָ איז קרישטאָל־ריינע האַרמאָניע.

מיר ווייסן אַז אונטער דעם אויסערלעכן קוויעטיזם ליגט פאַר־באָרגן א נאַכט... בענ'ס יידישע קעלער־נאַכט, פול מיט האַלוצינאַציעס און ממעקים־רופן; אַ בלוטיקער פּיטיוויע־וועג, מיט קאָשמאַרנע טעג; אַ לעבן צעזאַקערט מיט שפּערישער אומרואיקייט. אונטער דעם מנוחהדיקן שבת־דיקן לבוש זענען פאַרבאָרגן וואָכעדיקע, מוראַדיקע טעג פון ליידן, שרעקן, צווייפלען און ווי־געבורט.

אמת, בענ'ס קינסטלערישער גאַלגאָטאַ־וועג איז באַקרוינט געוואָרן מיט א געטלעכער אנטפּלעקונג און זיינע תהילים־בילדער — ווי גורלדי־

קער אנ האַלט־פּונקט אויפֿן וועג פֿון דער אַמאָליקער ביאַליסטאָקער רע־וואָלוציאָנערער און יידישער גאַס צום ברייטן אוניווערסאַלן אַלמענטשלעכן שליאַך. צו א נייער אינקאַרנאַציע פֿון זיין שעפערישן איך. זי בלייבט אָבער תמיד זיך געטריי, אַזוי גוט ווי אין זיינע בילדער איז פֿאַראַן דער זעלבער לייט־מאָטיוו. דער גלגול פֿון איין און דער זעלבער פֿרוי, די סינטע־זירטע רעאַלע און פֿאַעטישע אטמאָספער און דער „סוד", דער גרויסער סוד וואָס בענ'ס בילדער דריקן מיט זיך אויס..

★

פֿאַראַן ביי בענען אַ בילד אין ליטאָגראַפיע וואָס שטעלט פֿאָר א „געשאָכטענע טויב".

די טויטע נאַטור פֿאַרמאָגט אין זיך א שטאַרקן סימבאָלישן לעבן. די ווייסע טויב מיט אירע פֿאַרשפּרייטע פֿליגל זעט אויס ווי צוגעקרייצט צו א מאָל־קעסטל, וואָס איז ענלעך צו א קעסטל פֿון א גאַסן־גלעזער. דאָס בילד אָטעמט פֿון זיך אויס א שטילע און סובטעלע טראַגעדיע, וואָס פֿאַר־קלעמט ביים הארצן.

בען איז נישט אויסן געווען צו מאָלן א סימבאָליש בילד און דאָך ווירקט עס ווי אַ סימבאָל פֿון חורבן, ווי אַן אומיושרדיקער קרבן. מען וואָלט געקאָנט געפֿינען א סך אויסטייטשונגען פֿאַר דעם אויסדרוקספֿולן בילד, נישט בלויז צוליב זיין צאַרטער פֿאַרבן־גאַמע, פֿילבאַרער צייכע־נונג און וועלכער עס צאַפּלט זיך נאָך, דאַכט זיך, דער לעצטער גסיסה־ציטער פֿון די ווייסע פֿליגל, נאָר דער עיקר צוליב דעם „קלימאַט", וואָס איז אין אים פֿאַראַן. איין אַרונטערגעלאָזטער פֿליגל פֿון דער טויב איז איינגעהילט אין א שאָטן, מאַטעריאַליסטיש צוגעצויגן צו דער ערד, דער צווייטער איז בלענדנד ווייט דערהויבן ווי צו א הילפֿס־רוף...

דאָס בילד אנטבלויזט פֿאַר אונז זייער בולט די נשמה פֿון קינסטלער פֿון זיין פֿאָלק, זיין שטאַם.

★

בען (בן־ציון ראַבינאָוויטש) איז געקומען אין פּאַריז אין 1930. גע־קומען איז ער א דאַנק א סטיפּענדיום וואָס דער ביאַליסטאָקער שטאָט־ראַט האָט אים געגעבן צוליב דער אינטערווענץ פֿון בונדישן לאַוניק ה' פּלאַמענבוים.

נאָך זייענדיק אין ביאַליסטאָק (וווּ ער איז געבוירן געוואָרן אין 1905) האָט ער שוין אַרויסגערופן אַ סך אויפמערקזאַמקייט צו זיך. ער שטעלט אויס אין ווילנע מיט די יונג־ווילנאַנער, ווי וואָראַבייטשיק, און מערערע מאָל אין וואַרשע.

ער קומט פון זיין משׂכּילישע שטוב. זיין טאַטע איז געווען אַן אַר־כיטעקט און מיניאַטוריסט אַזוי אַז פון זיין פריעסטעריוגנט געפינט זיך דער יונגער בן־ציון אין אַן אַטמאָספער פון קונסט און יידישן בוך. זייענ־דיק נאָך גאָר יונג האָט ער שוין אילוסטרירט ביכער, אפילו אַ לערן־ביכל פאַר שניידערייי. בען קען זאָגן: „צום ערשטן האָט גאָט באַשאַפן די ליניע, דערנאָך די פאָרם". דער גרויסער פראַנצויזישער מאָלער דאַוויד האָט קודם כל גיזען די קאָנטורן פון די זאַכן, זייער לינעאַרע עקזיסטענץ און רוים.

בען, אַלס קינסטלער, ציט זיין אינספּיראַציע פון דער נאַטור און אויך אָפט פון דער ליטעראַטור. אויב די ביבל קען באַטראַכט ווערן אַלס איר קווינטעסענץ. מיר ווייסן דאָך, אַז די גרעסטע קונסט־שעדעווורען אין רענעסאַנס זענען אַנטשטאַנען אַ דאַנק איר.

דערפאַר טאַקע האָט בען ליב דאָס בוך, די מעשה, אַפילו די בעלמער מעשיות האָט ער פאַרוואַנדלט אין אַ בעניש, ביז גאָר, סינטעטיזירטן אַראַנזשעסק.

שלום עליכם, וועמענס 28 בענדער שיינען אַרונטער פון זיין ביכער־פּאָליצע, האָט ער ביז גאָר ליב ליינען, צו אילוסטרירן. אַ תּיקון געפינט ער אין פּרצ'ען, אָבער די עיקר־אינספּיראַציע — אין דוד'ס תּהילים...

ווען מען רעדט מיט בענען וועגן „יידישער קונסט", איז ער נישט אינגאַנצן מסכּים מיט אַזאַ איינשטעלונג, הגם ער זאָגט, אַז ער דערקענט אין אַ בילדער־סאַלאָן צווישן הונדערטער עקספּאָנאַנטן, אַ בילד פון אַ יידישן מאָלער.

נישט וויניק איז בענס מאָלעריי יידיש אין איר עצם. אין גייסט, אין איר פאַרבאַדינגלעכקייט.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, ציט בען זיין אינספּיראַציע פון צוויי קוואַלן, פון דער נאַטור, און פון דער אידעען ליטעראַטור.

ניען געהערט אויך צו די זעלטענע יידישע מאָלער, וועלכע האָבן אַממייכטן געמאָלן פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער. נישט פאַראַן קיין יידישער שרייבער, צי באַוווסטער קולטור־עסקן פון פּאַריז, צי אַנ־



בען — פּאָרטרעט פון ה. לייוויק



ב ע ן

דער קרבן

דערשוווּ, וועמען בען זאָל נישט האָבן געצייכנט זיין פּאָרטרעט. בען האָט ליב דאָס מענטשלעכע פּנים, דאָס יידישע אוודאי נאָך מער, דאָס פּנים פון יידישע שעפער. זיין צייכנערישע ווירטואָזיקייט דערלויבט אים אין א רעקאָרד־צייט צו פיקסירן אויף א לייוונט דאָס אויסערלעכע און אינערלעכע פּנים פון זיין מאָדעל.

אָבער נישט אין דעם אַרט אויסערט זיך בען'ס מאָלערישע וויזיע און זיין טאַלאַנט. ער קומט צום אויסדרוק דער עיקר אין זיינע דורכגעטראַכטע און אינטואיטיווו דורכגעפילטע קאָמפּאָזיציעס, אין די, וועלכע שאַפן די אילוזיע פון דער ווירקלעכקייט און זענען אפשר מער, אַלנפאַלס שענער פון איר. זיין פּרויעז־אַקט, אַנטבלויזט מער רוחניות ווי פיזישע (סענסואַליטעט), ווייל ער סובלימירט מער ווי ער מאַטעריאַליזירט. דאָס זעט מען אויך אין זיין פאַרבן־גאַמע, אין זיינע „ענטעריער“, קאָמפּאָזיציעס, לאַנדשאַפטן. זיי פאַרמאָגן תמיד א מילדן פּאַסטעל־אַרטיקן טאָן, ווי זיי וואָלטן זיין אַ לירישער עכאָ — אויב מען קאָן אַזוי זאָגן — פון דער רעאַליטעט. אַ סודוספולע וועלט ווי יעדער לעבנס־שאָרך איז איינגעוויקלט אין א פוך; וו יעדער פאַרבן־פלעק איז אַדורכגעלאָזט דורך דער פריזמע פון עמפינדלעכקייט. דאָס לעבן, די נאַטור מיט אירע שאַרפע קאָנטורן ביי אים באַקומען אַ פּאָעטישן און מיסטישן עקוויוואַלענט אפילו ווען זיי זענען לעבנס־ענלעך. די „רעאַלע אירעאַליטעט“ האָט עס אים דערפירט צו זיין ממש אַבסטראַקטן קוים־קוים נישט פיגוראַטיוון תהילים־ציקל.

זייענדיק באַהאַלטן אין א קעלער בעת דער דייטשער־נאַכט, האָט בען זיך אַוועקגעלאָזט אין די „אַנדערע וועלטן“ פון זיינע חדר־יאָרן, וואָס האָבן אין אים געשעפּטשעט קאַפּיטלעך פון תהילים. דאָ, אין דער שוואַרצער אויסגאַנגסלאָזער קעלער־שטילקייט, האָט זיין ניגון אין אים באַזונדערס אַקאָרדירט.

וואָלט ער געווען א מוזיקער.. איז ער אָבער מיט אַלע זיינע רמח אברים א מאָלער, האָט ער געזען אויפן שוואַרצן קעלער־פאָן לויכטנדיקע ליניעס. אין שיין פון דער ביאַליסטאָקער זון האָבן זיי ווידער אויפגעטויכט אין דער פאַריזער נאַכט, אויפן שוואַרצן עקראַן, ווי לויכטנדיקע ליניעס.

ווי אן אומזעבאַרע האַנט וואָלט מיט לויכטנדיקע צייכנס אויסגעברענט אויף דער קעלער־וואַנט זיין קינסטלערישן — „מאַנע טעקל“!

און אפשר איז זיין חדר־רבי געווען גערעכט! ווייל בען זאָגט מיר אין צוזאַמענהאַנג דערמיט:

— זייענדיק אין חדר, אין ביאַליסטאָקער שול־געסל, האָט דער רבי געזאָגט: „איר זעט דאָ קינדערלעך דעם טיש. ער פאַרנעמט די גאַנצע ד״ל אמות פון אונזער חדר, אָבער ווען מען שטעלט אים למשל אַוועק אין דרויסן אויף די בלאָניעס, איז ער גאָרנישט... מיט גאָרנישט״.

אין א סעלער איז די וויזיע אן אַנדערע, א דערהויבענערע ווי אין א סאַלאָן.

נאָך דעם ווי בען איז אנטרונען פון „אוישוויץ פרוזדור״ (פיטיוויע) האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער, ווייט פון לעבן. זיינע תהילים־וויזיעס, וועלכע ער האָט תיכף צייכנעריש שיפרירט, האָבן ביי אים באַקימען אן אַבסטראַקטן לבוש. און מיט יאָרן, יאָרן שפּעטער, אין די יאָרן 1953 ־ 1954, זענען זיי ענטגילטיק פיקסירט געוואָרן אויף 58 גרויסע ליוונטן.

און מאָדנע, גראָד אין זיי, אין די כמעט אַבסטראַקט ־ געמאָלענע תהילים ־ בילדער איז די קאָליר. דער פאַרבן־פלעק, אינטענסיווער, ווי אין זיינע נאַטור־בילדער... די באַהעפטונג מיט דער געטלעכקייט, וואָלט געווען קאָנקרעטער ווי די מיטן מענטשן..

אין געוויסע אויסטערלישע פאַלן איז עס אפשר אַזוי.

אָבער וואָס עס האָט באַוויגן בענען צו מאָלן דוד׳ס וויזיע איז געווען דעם ביאַליסטאָקער רבינים תהילים־ניגון:

— די אינספּיראַציע איז נישט געווען קיין רעליגיעזע, ווייל פאַר מיר איז דער תנ״ך קיין רעליגיעז ווערק, נאָר א קונסט־ווערק, פול מיט פּאָע־זיע. די אינספּיראַציע איז געווען דורכאויס א פּאָעטישע, שעה׳ן, טעג און וואָכן־לאַנג האָב איך געמורמלט די אַלטע געזאַנגען, קאַפּיטלעך תהילים און באַלד דערויף פיקסירט אין ליניעס דעם ניגון, די אידעע, די וויזיע.

★

אין זיינע תהילים־בילדער פּרוווט דער קינסטלער אינטואיטיוו אי־בערשטייגן די ערדישע באַדינגלעכקייט. ער פּרוווט געבן דעם נשמה־צו־שטאַנד, דעם מענטשלעכן גורל, דעם יידישן טראַגישן אויסמעסט אַן אַל־מענטשלעכע פילאָסאָפישע אויסטייטשונג.

קאָנקרעטע פאָרמען אין תוך ענדערן זיך, די אידעע פאַרבלייבט. מען

קען שטאַרבן אויף א שייטער־הויפן, מען קען שטאַרבן אויף א באַריקאַדע, די אויסערלעכע פאָרמען האָבן זיך בלויז געביטן, די אידעע איז פאַרבליבן.

אין די בילדער קרוינט די אידעע „מיר וויינען ביי די טייכן פון בבל" ביים דניעפּר, ביי דער ווייסל, צי ביי דער סען, מיט שטום פאָרהאָנגענע לירעס אויף ווייענדיקע ווערבעס...

איינע פון די לירעס האָט בען ארונטערגענומען... און זי זינגט פאַר אונז א מאָדנעם און אויסטערלישן ניגון.

סינטעטיזירטער רעאַליזם געגרענעצט מיט אַבסטראַקער אין־סופיקייט און א האַרמאָנישן איינקלאַנג.

„יידן פון א גאַנץ יאָר" באַקומען אין זיי פליגלען ווי מלאכים אליין, הענט ווי כוואַליעס ציען זיך צו דער אין־סופיקייט. „ווער וועט מיר געבן די פליגל דורכזיכטיקייט?", זינגט דוד... בען פרווט עס רעאַליזירן. נישט ווי אין דער דורכזיכטיקייט פון זיין געשאָכטענער טויב, נאָר אין די אַבסטראַקטע אידעען, פאַרבן און פאָרמען־לבוש, וואָס דערמעגלעכט אונז א פולקאָמע אנטרינונג, לייטזעליקייט און טרייסטונג.

אין די בילדער פון בענען האָבן מיר די סובטעלע און איידעלע פאַרבן־גאַמע און די נישט ווייניקער מעלאָדישקייט פון זיין צייכענישער ליניע. אָט די מעלאָדישקייט, כ'וואָלט געזאָגט, מאָלערישע קאַמעראַלע מוזיק, איז דער תוכן פון בענס מאָלערישן ווערק, וואָס ציט זיך ווי א גאָלגדענע קייט דורך זיין זייער רייכן מאָלערישן ווערק.

עס איז שווער צו זאָגן אין וואָסער זשאַנער, פּייזאַזש, שטיל לעבן, בלומען דער פאָרטרעט — בען איז שטאַרקער. דאַכט זיך, אַז אומעטום איז פאַראַן דער זעלבער קלימאַט, די זעלבע שלימותדיקייט און קלאַסישע נאָבלקייט מיט וועלכע דער מאָלער דריקט אוים זיין איך פאַר דעם פּאָעטישן רעאַליזם.

פאַראַן ביי בענען א גרויס און זייער שיין בילד, וואָס שטעלט פאָר די פרוי א ליגנדיקע אויף א סאָפע — (תמיד די זעלבע), פול מיט א מין מילגרוים רואיקייט און זאנפטן דרימל. עס הייסט „לייטזעליקייט".

אָט דעם געפיל פון לייטזעליקייט — עטעמען פון זיך אוים בענס בילדער.

דאָברינסקי

יצחק דאָברינסקי לעבט דאַכט זיך, פאַר זיינע בילדער, מיט זיינע בילדער, אַלדאָס איבעריקע איז נישט מער ווי אַ פּרעטעקסט. אָפטמאָל אַ סטימול צו מאָלן.

פאַר דאָברינסקי האָט גאָט ספּעציעל באַשאַפן די נאַטור, דעם מענטשן. דער עיקר דאָס קינד, כדי ער, דאָברינסקי, זאָל האָבן וואָס צו מאָלן. און ער מאָלט טאַקע מיט ברען, ליידנשאַפט און ליבע. און דאָס „איבריקע“ איז נישט מער ווי א נעבן זאַך. אָפטמאָל א לאַסט, א שטערונג.

אין שטעטל מאַקאַרעוו (אוקראַינע) וווּ יצחק דאָברינסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1891 זענען געווען אַזעלכע יידן וואָס האָבן זייער לעבן לאַנג פאַרבראַכט אין בית־המדרש, געבויגן איבער ספרים, אין אַן אייביקן דיאַלאָג מיט גאָט, מיט די פאַרהוילענע גייסטיקע וועלטן.

יצחק דאָברינסקי, דער זון פון מאַקאַראַווער רבינס גבאי, איז אויך פאַרטיפט אין אַן אייביקן „דיאַלאָג“ מיט זיינע בילדער, וואָס שפּיגלען אָפּ גאָטס באַשאַף. און אָט דער אייביקער אינטימער קאָנטאַקט מיט דעם אויסדערוויילטן און דעם שיינעם, האָבן געפורעמט זיין קינסטלערישע נשמה וועמענס הויפּט־שטריכן זענען התלהבות און ליבע.

זיין מאָלערישער ניגון איז אַ שטילער, דינער און אמתדיקער.

„רבונו של עולם, כ'וועל דיר אַ דודעלע זינגען“ — האָט מסתמא דאָברינסקי אַמאָל געזאָגט מיט אַ שמייכל.

ער האָט דעם מאָטיוו אריינגעפלאָכטן אין זיין מאָלעריי, וואָס קען פאַרעכנט ווערן צו דער „פּאַריזער שולע“.

★

דאָברינסקיס אַטעליע איז פול מיט ליכט און בילדער. בילדער אויף די ווענט, בילדער אויף די פּאָליצעס, בילדער אין די ווינקלען. דו באַמערקסט אפילו נישט די מעבל. אויף דער איינציקער זאַך וואָס איז דאָ פאַלש — דעם קאַמין — שטייען בלומען. די רויטלעכע טוליפּן דאָ, האָט אוודאי אַוועקגעשטעלט זיין פרוי, די טאָכטער פון פּאַטי און אַרקאַדי קרעמער.

— ווי אַזוי זענט איר געוואָרן א מאָלער? — פרעג איך.

דאָברינסקי שמייכלט. זיין אָפן ברייטלעך פּנים איז באַדעקט מיט אַש גרויע האָר. די קנייטשן אַרום זיין פול מויל זענען אַ רעזולטאַט פון דעם אייביקן שמייכל וואָס בלאָנדזשעט דאָרט אַרום.

— ווי אַזוי? דאָס איז אַ גאַנצע געשיכטע — זאָגט ער.

דאָברינסקי האָט א סך געשיכטעס, און האָט זיי ליב צו דער ציילן י

— נאָך זייענדיק א חדר־יינגל פלעג איך צייכנען אויף שטיקלעך פּאַפּיר און ספרים. איינמאָל האָט איך פון זכרון אויפגעצייכנט אין חדר דאָס פּנים פון אונדזער קצב. דער רבי האָט עס דערזען, האָט ער אויפגעמישט דעם חומש און מיר געוויזן דעם פּסוק: „לא תעשה לך פּסל“ — און דעם פּסוק באַגלייט מיט צוויי פּעטש. דערביי האָט ער געזאָגט: זאָל דיך גאָט מער נישט שטראָפן“...

דערמאָנענדיק זיך אין דעם ווייטן אַמאָל, לעבט דאָברינסקי אויף זיין געבוירן שטעטל. מיטן רבינס הויף, דעם גרויסן בית־המדרש, מיט די צוויי לייבן. דאָרט פלעגט אָפט פאַרברענגען און זיך צוהערן צו די אויסערלישע מעשות, וועלכע דורכפאָרנדיקע חסידים פלעגן דערציילן. איינע פון די מעשות געדענקט ער נאָך זייער גוט...

— א יונגערמאַן איז פאַרפאָרן אין אן אכסניא, זיך פאַרמאַכט אין זיין חדר און געמאָלן. ער פלעגט בלויז אַרונטערקומען אָפּעסן. אַזוי האָט ער דאָרט פאַרבראַכט אַ פּאָר חדשים. אין שטעטל האָט מען זיך דער־

ציילט אויסטערלישע זאַכן איבער דעם מאָדנעם יונגערמאַן. מאַכט זיך א מעשה, אַז אין משך פון דריי טעג, איז דער מאָלער נישט ארויסגעגאַנגען פון זיין שטוב. ווען דער בעל־הבית האָט אויפגעבראָכן די טיר, האָט ער דערזען א שווידערלעכער בילד: דער יונגערמאַן איז געלעגן א דערשטאָכענער און נעבן אים איז געשטאַנען דער גזלן מיט א בלוטיק מעסער אין האַנט. עס איז געוואָרן א „טרעוואָגע", דער פריסטאַוו איז געקומען צו לויפן, און דערזעענדיק דעם מערדער, האָט ער אפילו אויסגעשאָסן אויף אים, אָבער די קויל האָט נישט געהאַט קיין שום שליטה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען א בילד מיט אַזוי פיל לעבנס ענלעכקייט געמאָלן אַז עס האָט אים געטויט...

דער מאָלער האָט איבערגעלאָזט אַ צעטעלע, אַז אַזוי ווי ער קען נישט באַצאָלן פאַר זיין אָפּנטהאַלט, לאָזט ער איבער דאָס בילד.

די מעשה האָט אויף מיר געמאַכט א גרויסן רושם.

איך האָב אויך — רעדט ווייטער דאָברינסקי — געמאָלן „קוויטלעך" פאַר חנוכה. דאָס איז געווען דערלויבט. איך האָב מיך אינספּירירט דער־פאַר פון דער מאַמעס טייטש־חומש, וואָס איז געווען פאַרזען מיט רעמ־בראַנדס ביבל־אילוסטראַציעס. פאַר זיי האָט מען מיך שוין מער נישט געפּאַטש, פאַרקערט, מען האָט מיך „געקנייפּט אין בעקל".

דאָס שטעטל דאָס פרומע טראַדיציאָנעלע לעבן, דעם רבינס טיש אַרום וועלכן עס פלעגן זיצן הונדערטער חסידים, האָבן געהאַט א גרויסע השפּעה אויף זיין אנטוויקלונג. און טראָץ דעם רעאַליזם וואָס איז דער סימן מובהק פון זיין מאָלעריי, איז אין זיי פאַראַן עטוואָס מיסטישעס... הגם ער זאָגט: „איך בין נישט קיין מענטש פון פאַנטאַזיע, דאָס וואָס איך זע, זע איך"...

★

צי לאַנג וואָלט פאַרנומען איבערצוגעבן אַלע שווערע עטאַפּן פון דאָברינסקיס יוגנט יאָרן.

אַ געוויסע צייט האָט ער געקנעלט מיט קינדער ביי ישובניקעס. שפּע־טער געטריבן פון דער געהיימער קראַפט, וואָס צווינגט דעם קינסטלער צו ברעכן אַלע צוימען און שווערקייטן, פאָרט ער קיין קיעוו, — האָבנדיק נאָר 6 קאָפּיקעס — מיטן ציל צו לערנען אין א צייכן־שול. 5 שווערע יאָרן איז ער פאַרבליבן אין דער שטאָט, ווו א דאַנק א פּאָר „אוראָקן"

וואָס ער האָט געגעבן, און מעצענאַטישער הילף, אַרבעט ער פֿלייסיק, דער עיקר סקולפּטור. דער באַקאַנטער סקולפּטאָר באַראָן גינזבורג, גיט אים צו א סך קוראַזש, און א דאַנק א סקולפּטאָר־פּרייז וועלכן ער האָט געוווּנען (350 רובל) פֿאָרט ער קיין פּאַריז, קודם כּל צו לערנען.

אין 1912 איז דער מאַקאַראַווער יונגערמאַן אָנגעקומען אין פּאַריז דאָן איז שוין געווען א נישקשהדיקע גרופּע פֿון יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן, ווי: קרעמען, סוטין, קיקאָין, אינדענבוים. צו דער אויסגעהונגערטער באָהעמישער און קינסטלער־משפּחה איז צוגעקומען נאָך איינער.

דאָס ערשטע מאָל שטעלט ער אויס אינעם יאָר 1914, אין „סאַלאָן דעז אנדעפּאנדאן“ (סאַלאָן פֿון אומאָפּהענגיקע), א באַרעליעף: „א ייד וואָס גייט פֿון מצרים“. נישט בלויז די טעמע, נאָר אויך די פֿאָרם האָט פֿאַרמאָגט אַן איינפֿלוס פֿון דער עגיפּטישער קונסט. (דאָברינסקי מאַכט אויך איצטער פֿון צייט צו צייט סקולפּטור. איינציקע פּרוּוען אַקטן, זעט מען אין זיין אַטעליע. זיי פֿאַרמאָגן טאַקע אין זיך ווייטע עגיפּטישע רעמיניסצענצן).

אין „לאַ ריש“ — ווו עס האָבן אַמאָל געוווינט א סך יידישע מאָלערס — איז געווען „א קוריאָזנער לעבן“. פֿאַרזשמורעט ווידער דאָברינסקי זיינע אויגן. אויף זיין פּנים ווערט דער שמייכל נאָך מער צעגאָסן.

— איי, איי, א שווערע אָבער וווּנדערבאַרע צייט, פֿון זוכן נייע מאָלערישע אויסדרוקן, פֿון ווערן דערגיין דעם אמת.

מען האָט א סך דיסקוטירט צווישן זיך. נייע טענדענצן זענען אנטשטאַנען. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך צווישן מאָלער איז פֿאַראַן א "קנאת סופרים", איינער קריטיקירט דעם צווייטן, און מען האָט זיך גאָרנישט געשעמט.

— צי האָבן די נייע טענדענצן אין דער קונסט געהאַט אויף אייך אַן איינפֿלוס?

— אוודאי, וואָס דען, אָבער אין דער אמתן האָב איך תמיד געזוכט די אומיטלבאַרקייט, און דעם ענגן קאָנטאַקט מיטן לעבן. דער אמת איז תמיד קאָנווענציאָנעל, נאָר ביז מען אנטדעקט דאָס, גייט מען אדורך פֿאַרשיידענע צווייפֿלען און אפֿילו דראַמעס. דאָס איז דער וועג פֿון אַלע קינסטלער וואָס זוכן.

— מיט סוטינען זענט איר געווען נאָענט?

— יאָ, זייער נאָענט, דאָס הייסט, ביז ער איז געוואָרן באַרימט. איך בין אַ מענטש, וואָס ביגד מיך צו צו אַ פריינט. זעט אויס, אַז סוטין האָט נישט געהאַט די אייגנשאַפט. ער איז בכלל געווען אַנדערש, ווי מיר אַלע אין „לאַ ריש“. זאָגנדיק דעם אמת, האָט מען אים אפילו אויסגעמיטן צוליב זיין שווערן כאַראַקטער... ווען איך פלעג האָבן אַ מאָדעל, פלעגט ער פשוט זיין בייז. ער האָט ביי מיר געוווינט אַ לענגערע צייט. פלעגט מיך נישט לאָזן שלאָפן. אַרום 2 ביינאַכט, מיך געוועקט מיט זיין באַלאַ־לייקע־שפּיל. תמיד האָט ער געשפּילט דאָס זעלביקע רוסישע לידל „אוכאַר קופּעץ“, אָדער ער פלעגט מיר גאָר לייענען די בריוו צו זיין „יעמאַ“. בריוו, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט אָוועקגעשיקט.

יעמאַ איז געווען זיין אידעאַלע ליבע. ער האָט זי גאָר ווייניק גע־קענט. זי האָט אים בלויז, ווי אַ קינסטלער, באַגלייט אין ווילנע צו דער באַן, ווען ער איז געפאָרן קיין פּאַריז, און אים געווונטשן צו ווערן אַ גרויסער מאָלער. צוליב איר — זיין פלאַטאָנישע און אפשר איינציקע אמתדיקע ליבע — האָט ער עס געוואָלט ווערן אַ גרויסער קינסטלער. אָבער פון זיינע בריוו, וועלכע ער האָט צו איר געשריבן, איז ער נישט געווען צופרידן. ער איז בכלל געווען די אומצופרידנקייט אַליין, און זעלטן צופרידן פון זיינס אַ בילד.

— אַרקאַדי קרעמער, אייער שווער, האָט איר גוט געקענט?

— פאַרשטייט זיך, אַ לענגערע צייט האָט ער געוווינט אין פראַנק־רייך אין אַזשען און אין טולוז, וווּ ער איז געווען באַשעפטיקט אַלס אַן אינזשיניער ביי דער באַן.

דאָס איז געווען אַ פשוטער און האַרציקער מענטש, ווי אַ פרומער ייד. ער האָט ביז גאָר ליב געהאַט קינדער. אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט גערעכטיקייט און אמת. אַ בליק האָט ער געהאַט אַ שאַרפן, דורכדרינגנ־דיקן, וואָס האָט אַדורכגעשפּיזט אַ מענטשן דורך און דורך. אין דעם פאַר־טרעט וועלכן איך האָב געמאַכט פון אים, האָב איך געפּרוּווט מאַכע אי־בערגעבן דעם אינערלעכן בריענדיקן בלאַסק פון זיינע אויגן, אין וועלכע עס איז אויך געווען אַ געוויסע אומגעדולדיקייט.

פאַני, זיין פרוי, האָט פאַרמאָגט אין זיך די דערהויבנקייט און דעם שמאָלץ פון אַ יידישער מיוחסדיקער טאָכטער, אין וועלכע איינגעבווירענע אינטעליגענץ, קלוגשאַפט און לעבס חכמה גייען האַנט ביי האַנט.



דאָבּרינסקי — דער געגרייטער טיש

אָברינסקי

אַ קראַנקע פרוי

★

דאָברינסקי, ווי ער זאָגט עס אַליין, האָט ליב דעם אמת אין דער מאָלעריי. ער זאָגט אויך: איך זע דאָס וואָס איך זע. די נאַטור, דאָס מענטשלעכע פּנים. דער עיקר, דאָס קינד. זיינע קינדער־קעפּלעך פאַרמאָגן אין זיך די פרישקייט און די זוניקייט פון זייערע יאָרן.

וואָס עס דאָמינירט ביי דאָברינסקין, איז די אימפּרעסיע, די ערשטע אָנרעגונג וועלכע ער דערפילט ווען ער איז פּנים אל פּנים מיטן מאָטיוו. ער האָט ליב די נאַטור, די מענטשן, אַזוי ווי זיי זענען, אָן באַפּוצונגען, אָן אָרנאַמענטן.

דאָברינסקי האָט ליב דעם פּייסאַזש מיט זיינע גאַטירלעכע האַרמאָניעס. די געדעמפּטע שטילקייט, די דיסקרעטע און וואַרעמע טענער פון די ברוינען, אָקרעס און גרינען. זיין מאָלעריי איז אַ לופטיקע. אָפט אַט־מאָספעריש ווי אַקוואַרעלן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט אַז דאָברינסקי איז אַ פיינער פּאָרטרע־טיסט און דער עיקר פון יונגטלעכן פּנים.

די פּאָרטרעטן־קונסט איז לעצטנס זייער באַעוולט געוואָרן. סיבות דערפאַר זענען פאַראַנען אַ סך. כדי צו מאָלן אַ פּאָרטרעט איז ווייניק צו קענען צייכענען און קאָפּירן די ענלעכקייט פון מאָדעל, קודם כל מוז מען אריינדרינגען אַ ביסל טיפער אין מאָדעל און צווייטנס דאַרף ער ארויס־רופן אַ ליבע.

דאָברינסקי מאָלט די קינדער־קעפּלעך דורכאויס מיט ליבע, דער־פאַר פאַרמאָגן זיי מער ווי בלויז ענלעכקייט

אַ לענגערע צייט האָט דאָברינסקי פאַרבראַכט אין די קינדער־היימען אויפן נאָמען פון „ש. מענדעלסאָן“ און „מ. זיגמאַן“, כדי צו קאָנען מאָלן די יידישע קינדער, וואָס זענען לרוב געווען יתומים פון דעפּאָרטירטע עלטערן.

אַלע די פּאָרטרעטן פאַרמאָגן אַ באַזונדערן חן און אויסדרוק. זיי זענען אויך ווי אַ דאָקומענט פון יידיש פאַריתומדיקן קינד, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה.

— וואָס טראַכט איר וועגן יידישער מאָלעריי?

— נישט די טעמאַטיק איז וויכטיק, נאָר דער אופן. די יידישע מאָ־לעריי איז ווי א סינטעזע צווישן דעם ערדישן און הימלישן.

פונקט ווי עס האָבן עס געטאָן די חסידים, ליבנדיק גאָט און ליבנדיק די ערד. דאָס מאַטעריעלע און מיסטישע מישן זיך צונויף און ווירקן איינס אויפן צווייטן. ווי ביי י. ל. פרץ טרעפט זיך דאָס מיסטישע און רעאַלע; רוחניות און גשמיות.

דאָס איז אפשר די דראַמע פון יידישע מאָלער.

✶

דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב זיך באַקענט מיט דאָברינסקין, איז עס געווען אין א פאַריזער קאַפע פון סאַן מישעל. דאָרטן איז ער געזעסן אין א ווינקל מיט א בלאָק אין האַנט און געצייכנט די יונגע סטודענטקעס. בכלל פלעגט ער זיך נישט ארויסלאָזן אין גאַס אָן א צייכן־העפט, זוכנדיק תמיד דעם קאָנטאַקט מיטן לעבעדיקן מאָדעל. איז זיין צייכענונג דערפאַר א קלאָרע, פילבאַרע און עקזאַקטע, דערביי אויך א נערוועאישע, אומרו־איקע.

אין זיינע פייזאַזשן, איז די צייכענונג, ווי א פונדאַמענט פון א הויז. מען זעט אים נישט, הגם ער איז דער סאַמע וויכטיקסטער עלעמענט פון הויז.

זיין מאָלעריי, וואָס האָט אַמאָל פאַרמאָגט א געוויסע טונקלקייט, מאַקע צוליב די ערדישע פאַרב־טענער און אפשר אויך צוליב זיין געמיט־צושטאַנד, איז מיט די יאָרן העלער געוואָרן. זי האָט זיך אויסגעלייטערט, נאָרבאַהאַלטנדיק אָבער וויטער א געוויסע אומרואיקייט און פאַרחלומ־קייט און דער עיקר די ערלעכקייט און געוויסנהאַפטיקייט.

— וואָס פאַרא מאָלער זענען לויט אייך די יידישסטע?

— יעדער אויטענטישער יידישער מאָלער איז א יידישער מאָלער.

— אָבער דאָך?

— לויט מיר, סוטין און מאָדיליאַני

— מאָדיליאַני? מיט וואָס?

— מיט זיינע וואָרעמע טענער. מיט זיין סענסועלקייט און אומרו־איקייט. ווייל מיר לעבן נישט רואיק און ביי אים איז אפשר פאַראַן דער סינטעז צווישן דעם ערדישן און הימלישן.

— איז דאָס נישט דאָס וועזנטלעכע ביי אַלע גרויסע מאָלער?

— יאָ, פאַרשטייט זיך, אָבער אָן דעם געראַנגל און דראַמע, וואָס מאַניפעסטירט זיך ביים יידישן קינסטלער.

— אפשר, אָבער אייער מאָלעריי?

— וועגן דעם וועט די צוקונפט משפטן.

עס איז אין דרויסן א שיינע מילדע ליכט. דאָברינסקי זאָגט:

— א שאָד מען קען היינט אויסנוצן די צייט.

און מיר גייען אַרויס צוזאַמען.

ער איז באַלאָדנט מיט זיין מאָל־שטענדער און א ווייסע לייוונט.

זיינע שווערלעכע טריט רופן ארויס א לייכטע וואַקלדיקייט פון זיין קערפער. זיין קאָפּ הויבט ער אויף צום הימל, באַלד בייגט ער אים ווידער זוכט אפילו דאָ אויף דער גרויער גאַס א פּאַסיקן מאָטיוו, דערפאַר זוכט ער א הילף אין הימל, און אפשר מיינט ער בלויז די ליכט? אפשר.

אויף דער רי דע לאַ סאנטע גייט א מאָלער מיטן טריט און דעם געמיט, ווי די יידן פון מאַקאַרעווער שול־געסל. דער אונטערשיד איז בלויז, וואָס זיי, דאָרטן, האָבן געטראָגן אונטערן אָרעם א טלית, און ער דאָ, א מאָל־קעסטל.

מאַרקעל

יאַנקל מאַרקעל איז געטרײַ געבליבן זײַן אײגענעם קינסטלערישן קרעדאָ טראָץ די קונסט־רעוואָלוציעס און קאָניונקטור־צופּאַסונג, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַלע יונגע און ווײניקער יונגע, קינסטלער, ער גײט זײַן מאָלערישן וועג ביחידות, מיט אַ באַוואוסטזײַן און איבערצײַגונג פֿון אַ גלױביקן.

און דער שטריך פֿון גלױביקײט וואָס מאַרקעל האָט מיטגעבראַכט פֿון זײַן לאָדזשער חסידישער שטוב, שלײכט זיך אַדורך נישט בלױז אין זײַן מאָלערײַ, וואָס ער האַלט פֿאַר אַ מיסיע, נאָר אױך אין זײַן לעבן. אפֿילו זײַן אױסערלעכער אױסזען, זײַן גאַנג און טעמפּעראַמענטפֿולער אופֿן פֿון רעדן, דיסקוטירן איבער קונסט, דערמאָנט דעם חסידישן אופֿן פֿון פֿאַרטײדיקן אַן אײגענעם דרך. און הגם זײַן נאַטור איז אַ פּלאַמיקע, מיט אױסדרוקן, פֿון ספּאָנטאַנישקײט, פֿון התלהבותדיקײט, דריקט ער אױס אין זײַן שאַפֿונג, אינעם אופֿן פֿון זײַן מאָלן, אַ פֿולקאָמען קאָנטראַסט צו זײַן חסידישן מהות און אומרואיקײט.

זײַנע בילדער שטיל־לעבנס־פּײזאַזשן און פּאָרטרעטן, פֿאַרמאָגן אין זיך אַ מין קאָנטעמפּלאַציע, געפּרעסטקײט ; אַ גרױסע אָפּגעהיטנקײט פֿון דער רײנער פֿאָרם. אין די כמעט ראַציאָנעלע קאָנטורן אין זײַנע לײַוונטן, נעמען אַרום מילדע טענער, וואָס זײַנען צעוואַרעמט מיט אַ סובטעלער שימערונג פֿון ניואַנסן.

באַזונדערס האָט מאַרקעל ליב צו מאָלן דאָס מענטשלעכע פּנים. דער מענטש איז זיין גרויסע ליבע, זיין נאַטור איז אין זיך כּולל דעם אמת; זיין אמת וואָס הגם ער באַרוט אויף דער רעאַליטעט, באַקומט ער אָבער אַ מין פּאָעטישן לעבן.

דאָס אָרעמע קריגל, דער לאַבן־ברויט, דאָס שבת־אויבסט וואָס רוט שלווהדיק אין אַ פּרוכטן־קערבל, איז ווי באַהויכט מיט אַן איידעלן טויִיקן קאָלאָריט. קיין שפּור פון אומרואיקייט, צעכראַסטעטקייט פון דעם כּמעט סטיכישן טעמפּעראַמענט, פון מאַרקעלן דעם מענטש.

די זעלבע אייגנשאַפט און דעם פּרווו אַרייננצודרינגען אין תּוך פון דער נאַטור־געטלעכקייט איז אויך פאַראַן אין זיינע פּייזאַזשן: פעלדער, ביימער, וועגן, הייזקעס אונטער קלאָרע הימלען. דער שטריך פון קאָנטעמפּלאַציע קומט אָבער דער עיקר אַרויס אין זיינע פּאָרטרעטן. דאָס מענטשלעכע פּנים איז פאַר אים אַ קוואַל פון אינספּיראַציע, ווו ער וואָלט וועלן דערגרייכן דעם סוד, „דאָס פאַרבאָרגענע פון אַ מענטש דעם אומבאַקאַנטן”.

אפשר דערפאַר איז זיין אופן פון שאַפן זייער אַ לאַנגזאַמער. די יצירה איז ביי אים אַ לאַנגער פּראָצעס פון גערייען, פון פּאַמעלעכן אַריינדרינגען אין דער נשמה פונעם מאָדעל, פונעם מאָטיוו. דאָס איז זיין מאָלערישער תּוכן און זיין מאָלערישע תּפילה פאַרן באַשאַף.

אַ לאַבן ברויט, אַן ערדן קריגל, אַ זאַפטיקע פּרי, אַ מענטשלעך פּנים, אַ שטילער צעבליטער בוים, מער דאַרף נישט מאַרקעל כּדי אויסצודריקן זיין מאָלערישן קרעדאָ.

★

איך טרעף אים אין זיין אַטעליע אויף רי דאַרסאַנוואַל, נישט ווייט פון מאָנפּאַרנאַס, פאַרנומען אין צוגרייטן אַ לייוונט. מאַרקיעל האָט ליב דעם אופן פון צוגרייטן אַ לייוונט פון די אַלטע מייסטער. אין זיין צוגרייטונג צום מאָלן איז אויך אַ מין עבודה.

זיין אַטעליע איז ענלעך אויף דעם רוב טראַדיציאָנעלע אַטעליעס פון דער באָהעמישער „באָן וויעי טאַן” (אַלטע גוטע צייטן). קיין פענסטער צום דרויסן זענען נישט פאַראַן. בלויז די סטעליע איז פון גלאָז און שיט סנאָפּעס ליכט — אַמאָל גרויע ווי דער פּאַריזער הימל — אַמאָל העלע,

אויף דעם וויר־וואַר פון כלערליי אַלטוואַרג: קריגן, פלעשער, אַלטע טשיי־ניקעס, פּרוכט־קלאַשן, וואָס דערמאָנען אין אַן אַלטוואַרג־געלענדער. אויף די ווענט הענגען ס׳רוב אָנגעהויבענע בילדער.

ער אַליין מיט זיין פּוטערנעם היטל אויפן קאָפּ אַרומגענומען אין אַ קורצער בורקע, דערמאָנט אין אַ געשטאַלט פון אַמאָליקן יידישן פּוילן. באַזונדערס שטאַרק שאַפט דעם איינדרוק זיין פול בערדל וואָס וואַקסט הפקרדיק.

— אָ, אַ גאַסט, אַ גאַסט, — רופט ער אויס און צעשפּרייט זיינע צוויי הענט — קומט אַריין, ביטע, וואָס מאַכט איר?

אַלץ אין זיין אויסזען איז יידישלעך, פריינטלעך און פשוט. דער איינגעבוירענער שטריך זיינער איז נאָך טיפער געוואָרן זינט מאַרקיעל איז צוריקגעקומען פון אוישוויץ. אויפן טיש צווישן כלערליי זאַכן זעט זיך אַרויס, אין אַן אַלטן איינבאַנד, אַן אַלטער תנ״ך. ער באַמערקט מיין בליק מיט וועלכן איך נעם אַרום דאָס מאָדנע שטיל־לעבן.

— עס וווּנדערט אייך?

— אָ, ניין, עס איז פאַרשטענדלעך, מען זוכט אַן אָנלען, אַן אַנטריי־בונג, נישט אמת?

— איך זוך אין דער תורה נישט בלויז דאָס געטלעכע נאָר אויך דאָס מענטשלעכע. עס דערלויבט צו לייזן אַ סך פּראָבלעמען.

מאַרקעל וואָס איז געבוירן אין לאָדזש, אין אָרעמער יידיש־טראַ־דיציאָנעלער שטוב האָט זיך שוין גאָר פרי באַקאַנט מיט דער דאַליע פון אַן אַרבעטער, און דאָס ביי פאַרשיידענע פאַכן.

אַ דאַנק אַ לאָדזשער מעצענאַט פאָרט מאַרקיעל שטודירן אין דער קראָקעווער אַקאַדעמיע וועלכע ער ענדיקט נאָך 5 יאָר. ער דערגאַנצט זיין לערנען אין פּאַריז, אין „באָזאַר״. אין יאָר 1939 אַנגאַזשירט זיך מאַרקעל אין דער פראַנצויזישער אַרמיי ווי אַ פריוויליקער. דורך אַ גליקלעכן צו־פאַל באַוויזט ער צו אַנטקומען פון דייטשישן געפאַנגען־לאַגער, אָבער אין 1943 ווערט ער דעפּאָרטירט.

מאַרקיעל איז דער איינציקער פּאַריזער מאָלער, פון קרוב אַכציק דעפּאָרטירטע, וועלכע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, וואָס איז, ווי דורך אַ נס, צוריקגעקומען. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מאַרקיעל איז געקומען

מ אַ ר ק ע ל — שטיל־לעבן

מאַרקעל — דער מאָלער

צו זיך — צו דער מאָלעריי, צום לעבן. אָבער טיפע שפּורן פון דער „נאַכט־און נעפּל״־מאַרט־ראָלאָגיע זענען אין אים פאַרבליבן ביז היינט.

— איר געדענקט מאַרקיעל, ווי פאַר דער מלחמה פלעגט איר גיין איבערן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס מיט אַ בילד אָנגעהאָנגען אויף די פּלייצעס?

— אָ, מיין גאָט, ווי ווייט דאָס איז. ווי יינגלעריש דאָס איז געווען. היינט האָט זיך אַלץ געביטן און מיר אויך.

— און אייער מאָלעריי האָט זיך אויך געביטן?

— מיין פּרינציפּ איז תמיד געווען שווימען קעגן שטראָם.

— וואָס מיינט עס?

— זיך קעגנשטעלן יעטוועדן „איזם״, נאָר אויסדרוקן דאָס שיינע, מענטשלעכע אין אַן עכטער פּלאַסטישער פאָרם.

— דאָס מיינט קלאַסישע מאָלעריי?

— יאָ, אויב איר ווילט, אָבער פאַרט קען מען נישט פאַרגלייכן די קלאַסישע קונסט מיט דעם נייעם מאָלערישן אויסדרוק וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ סעזאַן למשל.

— וואָס טראַכט איר וועגן דער היינטצייטיקער קונסט?

— אינגאַנצן מבטל מאַכן זי קען מען נישט. דאָס זענען ווי לאַבאָראַ־טאָרישע עקספּערימענטן פון וועלכע מען קען אָפּט אַ סך לערנען אין הל־כות פון פאַקטור, מאָלערישן פלעק א. א. וו. אָבער זי איז ווייט פון צו זיין מענטשלעך, ד. ה. נאָענט צו זיין עמפּינדונג און מאָלערישע סענסי־וויטעט. איך בין איבערצייגט אַז עס וועט גיך אַדורך.

דער עיקר ביי מיר איז די צייכענונג, דאָס איז דער געדרוף פאַר יעט־וועדער ווערטפולער מאָלעריי, וואָס באַזירט זיך אויפן רעאַליזם (נישט דעם טרוקענעם. אָביעקטיוון, ווייל ס׳וואָלט געווען קאָפּיע און נאָכאַמונג), נאָר וואָס באַהויכט אים מיט אַ וואַרעמען לירישן אָטעם, וואָס שאַפט אַ מין פּאָעטישן רעאַליזם, וואָס פאַרמאָגט זיין באַזונדערן אייגנאַרטיקן לעבן, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט אָט דעם קריגל, עפּל, צי פלעשל.

— קומט איר הייסט עס צוריק צו „סעזאַנס עפּל״?

— דאָס איז געווען אין אַ געוויסן זין דער „עפּל״ פון מאָלערישן

עץ הדעת. דאָס שוין דערוואָרבענע איז נישט קיין ציל בלויז אַן אויס־גאַנגס־פּונקט פאַר נייע ווער־טן און אַנטדעקונגען.

— וואָס טראַכט איר וועגן דער יידישער קונסט?

— יידישע מאָלעריי, אָדער בעסער, די מאָלעריי פון יידישע מאָלער, דרוקט זיך, לויט מיר, בלויז אויס מיט איר באַזונדערער שטימונג, אַט־מאָספער, מיט דער מעלאַנכאָליע.

— איר געפינט אַז פּיסארא איז טרויעריק?

— פּיסארא איז נישט געווען קיין יידישער מאָלער, אַזוי גוט ווי מאָ־דיליאַני איז עס נישט געווען. ער דאַרף פאַררעכנט ווערן ווי אַ ריין פראַנצויזישער מאָלער, הגם פון יידישן אָפּשטאַם. דאַקעגן געפינט איר דעם שטריך ביי מאַריצי גאָטליב, הירשנבערג, איזראַעלס א. א. וו.

דעם יידישן נוסח געפינט מען אין דער מאָלעריי פון יידישע קינסט־לער אפילו ווען זיי זענען אונטער דעם אַרומיקן איינפלוס.

— אין אייער מאָלעריש ווערק זענען כמעט ווי נישט פאַראַן קיין יידישע מאָטיוון?

— איך בין נישט קעגן דער טעמאַטיק אין דער מאָלעריי, אָבער נאָר אין פאַל ווען זי ווערט נישט דערפירט צו אַן אַנעקדאָט, אָדער פּיטאָרעסק.

— איר האָט מסתמא זייער ליב רעמבראַנדטן?

— וואָס פרעגט איר, רעמבראַנדט איז פאַר מיר אַ גאָט, און אין דער פראַנצויזישער שול האַלט איך סעזאַן, פּיסאַראָ און באַנאַר ווי די גרעסטע פון פראַנצויזישן קונסט־פאַרנאַס.

אַ מאָדעל פראַלט אויף זיין טיר. אונדזער געשפרעך ווערט איבער־געהאַקט.

— נאָך איין וואָרט מאַרקיעל, דאָס וויפלטע מאָל קומט שוין דער מאָדעל פאָזירן פאַר זיין פּאָרטרעט?

— גלויבט מיר, אַז איך האָבן שוין פאַרגעסן דעם חשבון. דאַכט זיך אַז דאָס איז שוין דער דרייסיקסטער סעאַנס, און עס איז ווייט נאָך נישט דער לעצטער. יאָ מיין פריינד, מאָלעריי איז טאַלאַנט פּלוס אַרבעט, אָן אַ שיעור אַרבעט.

פרעסמאַן

ווען איך האָב באַזוכט יוסף פרעסמאַן, האָט ער נאָך געוווינט אין סען-דעני, אַ פאָרשטאָט פון פאַריז.

דאָס איז געווען אין אַ זונטיקדיקן טאָג. דאָס פענסטער פון זיין ווינונג איז אַרויסגעגאַנגען צו אַ מוזיק-קיאָסק. אַביסל האָט מען געזען די גאָטישע קאַטעדראַלע ווו עס זענען אויך באַגראָבן עטלעכע פראַנצויזישע מלכים.

, דער אימפּאָזאַנטער „האָטעל דע וויל“, דער וואָכעדיקער קאָמיסאַריאַט האָט נישט קיין שייכות מיט פרעסמאַנס ווינונג, אויף וועמענס פענסטער-ביישטידל ס'האָט געהאָנגען אַ שטייגל מיט קאַנאַריקעס וואָס האָבן געצווישעט, „אויף וואָס די וועלט שטייט“.

אַ קליינע ווינונג, פול מיט פויגל-געזאַנג, שטילקייט פון גאָלדענע פישלעך, וואָס פּלעסקען אין אַקוואַריום. און פרעסמאַנס מאָלערישע נאַטור-טראַנספּאָזיציעס רעזומירן מיט זיך, אין אַ געוויסער מאָס, אָט דעם פויגל-געזאַנג און די גאָלדענע פיש-שטילקייט.

אָבער לאָמיר גיין לויט אַ סדר און נישט כאַפּן די „פיש פאַר דער נעץ“.

ווען מיר אויף אַ מאָמענט צוריקגיין צו יענעם באַזוך ביים קינסטלער און ברענגען די איינדרוקן ווי זיי זענען דעמאָלט אויפגעשריבן געוואָרן.

פֿון וואָלינער בערעסטעטשקאַ ביז פּאַריזער סאַן-דעני איז „פֿאָלגמיר אַ גאַנג“. אַ גאַנג וואָס ציט זיך דורך שווערע האָרעפּאַשנע יאָרן. זיי ציען זיך איבער שוואַרצע וועגן. גראָד זענען אַ סך פֿון די „וועגן“, גאַסן און זייערע פּייזאַזשן געמאָלן אין טונקל, כמעט שוואַרצע קאָלירן. און מאָדנע זיי פֿירן תּמיד צו ליכטיקע הייזקעס.

זאָגן, אַז די הייזקע אין וועלכע פּרעסמאַן וווינט איצטער איז א ליכטיקע, וואָלט געווען אַ גוזמא. ניין, אין דרויסן איז זי באַדעקט מיט גרויקייט פֿון סאַן-דעני-פֿאַבריקן רויך. זי איז קליין צונויפֿגעשרומפּן און טראַכט זיך קוים וואָס זי האַלט זיך אויף אירע אַלטע פֿונדאַמענטן. אינעווייניק איז זיין וווינונג, ווי כ'האָב שוין פֿריער דערמאָנט, איז פֿול מיט פֿויגלגעזאַנג. עס גייט דאָ אָן אַן אייביקער קאַמף פֿון דער דערפֿינדערישער בעל-הביתטע מיטן „לעבנס-רוים“ און זי גייט תּמיד דערפֿון אַרויס ווי א זיגערין, ווייל צווישן דעם העטעראָקליטן צוזאַמענשטעל פֿון כּל-ערליי קעגנשטאַנדן, מעבל אַנטיקן, סקולפּטורן, קינדער-בעטלעך, אַקוואַריומס און פֿויגל-שטייגן איז פֿאַראַן אַ האַרמאָנישער צוזאַמענבונד, אַן אַטמאָספֿער פֿון „גם זו לטובֿה“.

פּרעסמאַן שטייט האַרט בײַם פֿענסטער נעבן זיין מאָל-שטענדער. זיין יונג מיידעלע קאָרמעט די קאַנאַרקעס מיט רויטע קאַרשן. אין וואַזאָניקעס וועלקן בלומען. מיינע אויגן בלאָנדזשען איבער די ווענט פּאָליצעס, באַלקן-בעלקעס.

— וואָס זיכט איר? — פֿרעגט פּרעסמאַן.

— איך זוך עפּעס אַ יידיש חפֿץ.

— יידישקייט איז ביי מיר אין האַרצן.

פּרעסמאַן פֿאַרזשמורעט די אויגן. עס באַקומט זיך אַ טונקעלער לענגלעכער שפּאַלט. זיין הויכער שטערן צעאַקערט זיך מיט קנייטשן און ער הויבט אָן מיט זיין וואָלינער יידיש:

— בערעסטעטשקאַ איז אַ קליין שטעטל אין וואָלין (נישט ווייט פֿון ראָוונע), ווי אַלע אַמאָליקע קליינע יידישע באַטעמטע שטעטלעך. דאָרטן בין איך געבוירן געוואָרן אין יאָר 1904, גענוי דעם 22-טן יולי. פֿון מיין שטוב האָב איך א סך נישט צו דערציילן. להיפּוך צו די עלטערן פֿון אַנדערע יידישע מאָלערס, איז מיין טאַטע נישט געווען קיין מלמד, משמש צי בעל-מלאָכה נאָר ער האָט געהאַט אַ גראַלניע.

— א וואָס?

— א „גראַלניע“, דאָס הייסט אַ האָדאָווליע פון אָקסן און רינדער. אויב איך ווילט, איז ער געווען א „פּאָדריאַטשיק“. ער האָט צוגעשטעלט פלייש פאַרן מיליטער. דער פלייש־מסחר האָט אים אָבער נישט געשטערט צו זיין אַ פרומער ייד, אַ חסיד, וואָס פלעגט פאָרן צום רבין. געהאַט האָט ער 8 קינדער, מיך אַריינגערעכנט. און ווי אַלע קינדער פון מיין בערעס־טעטשקאָ, האָב איך געלערנט אין חדר. גיין, קיין קינסטלער, מוזיקער, שניצער, מצבה־קריצער, זענען אין אונזער משפחה נישט געווען.

אין חדר, האָב איך אַ חוץ דעם לערנען פון צייט צו צייט געצייכנט, געשניצט. פאַרשטייט זיך אַז דער רבי זאָל נישט זען. כ'האָב אפילו באַוויזן צו מאַכן אַ קליינע סקולפּטור פון רבין. זעט אויס, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין זין פאַר די „גויאישע“ זאַכן, ווייל כ'האָב באַקומען דערפאַר א פּאָר פּעטש (מיין ערשטער „לוין“).

אַ גרויסן איינפלוס האָט אויף מיר געהאַט מיין העברעאישער לערער יצחק למדן (לערנער), וואָס איז אין ישראל שפּעטער געווען א באַרימטער פּאָעט. ער האָט דאָס מיך אינספּירירט צו שרייבן מיינע ערשטע יוגנט־לידער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען מיר, ווי אַ סך אַנדערע געוואָרן „ביעזשענצעס“. מיר האָבן זיך דאַן באַזעצט אין לובלין. דאָרט בין איך געוואָרן א ישיבה־בחור, אָבער דער „דעמאָן“ פון דער קונסט האָט זיך אין מיר שוין צופיל צעוועלטיקט און קעגן דעם איז שווער צו קעמפן. כ'האָב צומאָל נישט געפּרוווט. אַלט זייענדיק 19 יאָר, בין איך אַוועק קיין לעמבערג אין אַן אינדוסטריעלער קונסט־שול.

שפּעטער בין איך אַוועק קיין וואַרשע, ווו איך האָב אַ סך געצייכנט, געמאָלן, און זיך קוים קוים דערנערט מיט געבן לעקציעס.

דער קאַנאַרעק האָט זיך צעזונגען. זונען־שטראַלן פאַלן אויף דער פּאָליטרע, ווו עס לויכטן אַלע פאַרבן פון רעגן־בויגן. זיי זעען אויס ווי קאָליר־פולע בלימעלעך.

— און ווייטער!

— ווייטער פאַרלאַנגט נישט פון מיר, אַז איך זאָל אייך דערציילן אויסטערלישע פּאַסירונגען, אינטערעסאַנטע אַנעקדאָטן. איר ווייסט אַז איך האָב תמיד געוווינט אויף די פּעריפעריעס פון גרויסע שטעט,

אין יאָר 1925 בין איך אַוועק קיין ישראל. מען האָט זיך דאַן מער גענערט גייסטיק ווי פיזיש. און צום סוף, ווי דער רוב מאָלערס — בין איך אַוועק נאָך פאַריז, אַרום 1927.

די איראָניע פון גורל האט דאַן געוואָלט, אַז איך זאָל באַקומען אַ שטיבל אויף רי דע לאַ געטע (גאַס פון פרייד). אָבער פאַריז אַליין האָט מיך אויסגעפילט מיט פרייד. פאַרגעסט נישט, אַז איך בין געווען יונג.

דערציילן אייך דעם פאַריזער פעריאָד? איר קענט אים אַליין.

איך האָב געאַרבעט כדי צו קענען האָבן מעגלעכקייטן צו מאָלן. כ'האָב געמאָלט פופעס, שטובן, געאַרבעט שווער. דער וועג פון אַ יידישן קינסטלער גוט אַזוי! כ'האָב געאַרבעט, געמאָלן און אויסגעשטעלט.

בערעסטעטשקאָ פאַרדאַנק איך מיין בטחון. בעת די אָקופּאַציע־יאָרן האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער ביי פראַנצויזישע קאָלעגן. ווען איך בין אַרויס פון די קעלער־שטוב, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז איך געפין זיך אויף אַ בית־עולם. פיל פון מיינע גוטע פריינד און קאָלעגן מאָלערס זענען אומגעקומען; צווישן זיי וויל איך אוי דערמאָנען מיינע פריינד: זאַרידאַנסקי, מאָנטשניק, לעווין, ווייסבערג. גוטע קינסטלער, טייערע מענטשן.

פון מיין בעסערטעטשקא זענען צו מיר קיין שום לעבעדיקע גרוסן נישט דערגאַנגען. וואָס בלייבט צו טאָן? וואַרפט מען זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דער מאָלעריי. דער גרויער אַרום פאַרלירט דאַן אַביסל פון זיין קאַנטיקייט און מיר אַליין געווינען מער רואיקייט, אפילו ווען אונזער מאָלעריי פאַרמאָגט אומרואיקע מאָמענטן. אַ שעפערישע אומרואיקייט דערהויבט א מענטש, באַפרייט פון דעם צו שווערן, און צו ערדישן.

איי, וועט איר זאָגן, מען דאַרף אויך זאָרגן פאַר חיונה, אוודאי!, מוז איך אייך זאָגן, אַז צוביסלעך האָב איך פאַרקויפט און אפילו געפונען אין די יידישע קרייזן קאָלעקציאָנערן און קונסט־אַמאַטאָרן, וועלכע האָבן ליב געהאַט מיין מאָלעריי ווי. למשל, דער ה' דוד פוטערהענדלער. דאַכט זיך א פשוטער שטריקער־פאַבריקאַנט, אן עמך־מענטש געווען, און דאָך פאַרמאָגט א געוואַלדיקן חוש פאַר מאָלעריי.

— יאָ, עס פרייט דאָס צו הערן, ווייל ס'רוב יידישע מאָלער באַקלאָגן זיך אויף קנאַפער פאַרשטענדעניש און אינטערעס פאַר קונסט ביי אונז.

— פֿאַרשטייט זיך, אידעאַל איז זי ווייט נישט, און אין וואָסערער געזעלשאַפט איז אין דעם זין יאָ אידעאַל?

— ווען האָט איר באַקומען אייער פּרייז פֿון קריטיק?

— דעם פּרייז פֿון דער קריטיק, האָב איך באַקומען אין 1951, שפּעטער האָב איך באַקומען דעם איטאַליענישן פּרייז „סעסטרי לעוואַנטאַ“ און א שווייצער פּרייז (בירא). ווי האָבן געזאָגט די בערעסטעטשקער יידן: „אַז עס גייט, גייט עס“. אָבער נישט דאָס איז וויכטיק. קלאָר, עס העלפֿט אַ ביסל צו. אָבער ווערן אַ גביר, נאָך ווייט נישט.

— איר זעט דעם מאַרק דאָ? אַזוי פֿיל רואיקייט. דער מוזיק־קיאָסק איז דאַכט זיך פֿול מיט אַלטע וואַלסן, מיליטערישע מאַרשן און רעוואָלוציאָנערע לידער. זעט די בוימלעך דאָ, די פּשוטע מענטשן. פֿאַראַן אין דעם א סך פּאָעזיע.

— איר האָט עס אויף אַ פֿיינעם אופֿן איבערגעגעבן אין אייערס א ביר.

— איר מאָלט פֿון דער נאַטור, פּרעסמאַן?

— ווי אייך זאָגן? פֿון דער נאַטור, לויט דער נאַטור. זי גיט מיר דעם אימפּולס.

— איר האָט אַמאָל פֿאַרמאָגט אַ מער טונקעלע גאַמע, ווי איצטער.

— אפשר? אין דער מאָלעריי גייט מען אָפּטמאָל איבער פֿון איין אַרט צו אַ צווייטער, אומגעריכטערהייט.

די „וועגן“, סטעזשקעס און גאַסן און זיינע פּייזאַזשן, האָב איך געזאָגט, זענען טונקל־שוואַרצלעכע. דאַרף איך דערגענצן מיט דעם, אַז זיי פֿירן תמיד (אין דער פּערספּעקטיוו). איבערטריבן אין דער הויך אַרויף צום הימל צו. פֿאַראַנען אויך ביי אים אַ בילד אינספּירירט פֿון פּרץ'ן „אויב נישט נאָך העכער“. איך וויל עס דערפֿירן צו דעם, אַז פּרעסמאַן בינדט צונויף צוויי עלעמענטן : די רעאַליטעט מיט דער וויזיע. דאָס מיינט, אַז ער בויט איבער די רעאַליטעט דורך זיין מאָלערישער פּריזמע און זיינע געזעצן. די קליינע זומערדיקע שפּילעוודיקע הייזקעס זיינע זעגען גאָר גילטיק און צוגעפּאַסט פֿאַר זיינע פּערסאָנאַזשן, אַנדערע קענען אין זיי נישט לעבן. די בוימער האָבן קולטיווירטע גראַדליניקע צווייגן. די בלעטער

זענען געפורעמט, געמייסטערט, ציזילירט·איבער זיין הימל שוועבן וואָלקנס, אָפטמאָל שווערע, דראָענדיקע מיט זייער קאָלאָרירט, אָבער עס שטערט זיי נישט צו דערווערבן די פאָרם פון מלכים. און זיינס א בילד „די שול“, וואָס דערמאָנט אוודאי פון זיין שטעטל, זענען די יידן נישט געבויט לויט א לעבנס=ענלעכקייט און צייכנערישער פראָפּאָרץ, נאָר לויט זייער קאָמפּאָזיציאָנעלער ראָל, פלאַך=פּאַרטיילונג און עקספּרעסיע. פאַראַן אַ ייד. וואָס פאַרנעמט כמעט דריי פערטל הויך פון דער לייוונט און דערביי אַנדערע, וואָס זענען נישט גרעסער ווי די יום=כיפור ליכט, און דאָך דרינגט אַרויס פון דעם בילד אַזוי גוט ווי פון זיין „ישיבה=בחור“, „די כלה“, „די מוזיקאַנטן“ און אַנדערע, אַ באַזונדערע אַטמאָספער און איבערצייגונגס=כוח· מען גלויבט אים·

פרעסמאַן האַלט זיך נישט ווי א געוויסער טייל מאָלער אין א באַשטימטער קאָלאָריסטישער גאַמע· אויף זיין מאָלערישער פּאָליטרע זענען פאַראַנען כמעט אַלע קאָלירן=ניואַנסן·

און דאָך באַקומען זיי אַ באַזונדערן קאָלאָריט און אויב זיינע ביימער באַקומען די פאָרם פון מנורות, באַקומען זיינע פאַרבן די פּאַטינע פון אַלטע שולן·

אין זיינע פּראָווינציעלע שטעט און שטעטלעך וויברירט דער קלימאַט פון זיין וואָלינער געגנט, און די אויגן פון זיינע פּרויען=פּאָרטרעטן זענען איבערגעפולט מיט נאָגנדיקער בענקשאַפט· און מאָדנע, אין זיינע פּאָרטרעטן און פיגורן באַמערק איך עגיפּטישע רעמיניסצענצן, וואָס דאָס קומט צום אויסדרוק אין אַ געוויסן אָריענטאַליזם און אַראַבעסק פון דער מאַטעריע און פאָרם און אין די ווינקל=אַרטיקע זשעסטיקולאַציעס פון די געשטאַלטן·

אַ סך זאַכן רעדן דורך זיין מאָלעריי· ער זוכט א סינטעזע, אַזוי גוט ווי יעדער מאָלער, אָבער צו פאַרהוילן· ער איז קלאָר, זאַכלעך, און גלייכצייטיק סענסיטיוו·פּאָעטיש· ער דערמאָנט מיך אין די איטאַליענישע נעאָרעאַליסטישע פילמען, באַזונדערס, די בילדער, וועלכע איך האָב געזען אויף דער אויסשטעלונג „די עדות פון דער צייט“. די טעמע איז געווען די פרייד פון לעבן. פרעסמאַן האָט דאָס געזען אין לוקסעמבורגער גאָרטן.

אויף אַ געפלאָכטענעם שטול זיצט אַ פאַרליבט פּאָרל, — קעגנאיבער דעם ווירעאַרטיק שפּריצנדיקן פאָנטאַן. דער פרילינג=הימל לייכט מיט



פרעסמאַן

די כלה



פּרעמסאַן — פּייסאַזש

בלוילעכן ליכט. אַלץ איז דאַ כמעט ראַציאָנעל געבויט, אין שטרענג פּאַ־ ראַלעלע ליניעס, — און דאָך איז פאַראַן א סך אַטמאָספער, שטימונג. א פאַרמאַכטער אוניווערס פון ליבע.

פאַראַן אויך ביי אים אַ גאַטע פון הומאָר. מיר זעען עס בולט אין זיין בילד „זונטיק", וו אַלע שכנים, גרויס און קליין. זענען אַרויס אויף די באַלקאָנען פון זייער הויז. פאַראַן אין זיי עפּעס פון אומוואַרשיינ־ לעכקייט, און דאָך לויכטן אַלע מיט א באַזונדערער צופרידנקייט, ווייל זיי פּאַסן זיך גלענצנד אַריין אין דער רעאַליסטישער און נאַאיוו שפּילעווּ־ דקער וועלט וואָס פרעסמאַן האָט פאַר זיי אויסגעכישופט.

מיר זעען אַ קליין בילד אויף וועלכן אַ מאַמע שלעפט איין איר קינד.

— דאָס איז מיין מאַמע — זאָגט דער מאָלער — ווען איך האָב עס געמאָלן, האָט אין מיינע אויערן געקלינגען די מעלאָדיע פון „גאָט פון אברהם".

— איר מאָלט לעצטנס וויניק יידישע סוזשעטן?

— יידישע סוזשעטן? מיר מאָלן. די יידישקייט באַווייזט זיך פון זיך אליין אין אַלע סוזשעטן. אָט צום ביישפּיל, דאָס בילד „די מלחמה".

ער ווייזט מיר א גרויס בילד, וואָס איז מיט א דראַמאַטישער אָנגע־ לאָדנקייט, דאָס איז געהאַלטן אין אַ שווערער טונקעלער גאַמע פון ברוין און שוואַרץ. אַרום צוויי געשטאַלטן, וואָס אמפּערן זיך, שוועבן צוויי גרוי־ סע שוואַרצע רויב־פויגל...

— דאָס סימבאָליזירט אונזער צייט?

— איר ווייסט דאָך גוט, אַז נישט דער סוזשעט איז וויכטיק אין דער מאָלעריי. אונזער איצטיקע מאָלערישע עפּאָכע באַפרייט זיך פון סוזשעט און נאַטוראַליזם. מען באַמיט זיך אויסצודרוקן דירעקט, ווי אין דער מו־ זיק, וו קלאַנג, ריטם, רופן אַרויס די עמאָציע. זיכער אין דער מאָלעריי באַראָט אַלץ אויף פאָרם און מאַטעריע, אָבער דער „מעסאַזש" מוז תמיד אין איר זיין.

— אָט זע איך ביי אייך אַ בילד, וואָס דריקט אויס מיט זיך דעם שלום, די טויבן... דאָס דערמאָנט מיך אין דער עפּאָכע פון פּיקאַסאָס טויבן...

— די פראַגע פון סאָציאַלער טעמאַטיק אין דער מאָלעריי האָט באַנקראָטירט. פאַרטייאישע סלאָגאַנען זענען אַ טויט פאַר דער קונסט. די מאָלעריי דאַרף אין איר עצם זיין אוניווערסאַל, גילטיק פאַר אַלעמען, באַשענערן דאָס לעבן פון יחיד; דערפאַר אויך איז מיר ליבער ווען מיינע בילדער געפינען זיך אין פריוואַטע שטובן, ווי אין מוזעאומס. מען איז דאָ מער און נענטער צונויפגעבונדן מיטן מיטמענטש, מען דערפילט די מיסיע.

נעבן מוזיק-קיאָסק שפּילט פרעסמאַנס טעכטערל מיט אַ באַלעם: „ענע דיע ראבע".

פרעסמאַן קוקט אַרויס פונעם פענסטער. איבער אים זינגט זיין קאַנאַריק. אַ וואָלקן הענגט אינטערן הימל. ער זעט אויס ווי א מלאך, ווי אין פּרעסמאַנס אַ בילד. אין דער אמתן, איז דער אַרום פול מיט רואיקייט און שלום, מען דאַרף עס בלויז דערפילן. יאָ... אָבער אין סאַן-דעני טייטלען אויך די פאַבריק-קוימענס דראָענדיקע צום הימל און שפּייען מיט א געדיכטן רויך פון האַס.

דער ציל איז טאַקע צו טראַנספאָרמירן דאָס לעבן...

אפשר וועט עס אַמאָל זיין ענלעך אויף פרעסמאַנס אידילישע בילדער און לויט דעם אידעאַל פון זשאַן זשאָרעס.

קאַלניק

אַרטור קאָלניק ווייזט מיר מיט ציטערדיקע הענט אַ גרויסן אַלבום מיט האָלצשניטן צו די 12 משלים פון אליעזר שטיינבאַרג. דאָרטן לעיין איך אַ ווידמונג אָנגעשריבן מיט געציקלטע אותיות:

קאָלניק !

דערהויבן
די טויבן
אין פלי־טאַנץ אין רונדן
און וואויל איז אויך די וואַגאַבונדן —
אין שטורם גוס־רעגן
דעם דונער אַקעגן
זיי גייען צעכראַסטעט און פייפן !
און מיר אין אַ ווינקעלע זיצן און שלייפן
איך ווייס וואָס ? מע זאָגט, אַז אַ דימעט
נאָר שמייסן אוי שמייסט אונדז דער רימעט !..

אליעזר שטיינבאַרג

דער צופאַלנדיקער אָוונט האָט פאַרקלעבט מיט אַ מאַטער גרויקייט

די גרויסע נאַקעטע פענסטער־שויבן, דורך וועלכע עס זעען זיך א ביסל פאַנטאַסטיש די סטערטשענדע צווייגן פון בולוואַר אויגוסט בלאַנקי, און דורך זיי די טונקעלע שטאָלענע אַראַבעסקן פון דער אויבנפלאַכיקער מעטראָ־בריק.

אויף איינעם פון קאָלניקס אַ פרייען מאָל־שטענדער הענגט אַ קליין פידעלע.

דאָס קליינע קינדער־פידעלע איז דאָ און רופט אויף אַ מאָל־שטענדער מיט זיינע אַלטע, אור־אַלטע ניגונים, ווי א „קמיע“, אַ סימבאָל... אַ באַשיצער קעגן דער מעטראָ־וואָכעדיקייט... אויפן אַרבעט־טיש פול מיט סלאָיעס און צווייגן־פענזלען, זעען זיך פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיעס פון „אַ־מאָל“ (שטיינבאַרג, מאַנגער, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן)

קאָלניק שטייט אין די ראַמען פון די גרוי־ווינטערדיקע שויבן און דערציילט מיר פון זיין לעבן... אַן אינטערעסאַנט לעבן... וואָס באַקומט, דאַכט זיך, די פאָרם פון א לעגענדע... עס פרייט, עס טוט וויי...

✶

אין דער פינסקער געגנט הויבט זיך אָן אַרטור קאָלניקס לעבן און קינסטלערישע אָדיסיי.

אַרטור קאָלניקס יונגע עלטערן האָבן איינגעזען, אַז אין קאַזאַשאָן־גאָראַדאָק, וועלן זיי בלויז אָפּבידעווען די יאָרן, זענען זיי אין אַ העלן טאָג אַריבערגעפאָרן קיין סטאַניסלאַוואָוו (גאַליציע). סטאַניסלאַוואָוו האָט שוין דאַן געשמ'ט ווי אַ „קראַד“, אַ „וועלט־שטאָט“, וואָס געפינט זיך אונטערן שוץ פון קעניג פראַנץ־יאָזעף. דאָרט האָבן פון צייט צו צייט אויך פאַרבלאָנדזשעט ווינטן פון די ווינער סעלעקציאָניסטן, שטרעבונגען נאָך וועלטלעכקייט צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט.

קאָלניקס טאַטע האָט אין סטאַניסלאַוואָוו דערשמעקט די נייע „ווינטן“ און זיך אויסגעלערנט שרייבן, לייענען, רעכענען. דאָס האָט אים געהאָלפן צו ווערן א באַנק־אָנגעשטעלטער. זיין פרוי האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר. פון שטאַפּל צו שטאַפּל איז דער אָנזען פון דער פאַמיליע קאָלניק געוואַקסן אין סטאַניסלאַוואָוו, ביז דער טאַטע האָט דערגרייכט דעם ערן־אַמט פון אַ גבאי אין דער דייטשישער שול.

אַרטור, זיין זון, דערזעט די ליכטיקע שיין אין יאָר 1890.

נאָך גאָר יונג זייענדיק, האָט דער טאַטע אויסגענוצט דעם טאַלאַנט פון זיין זון, אַרטור, כדי צו פאַרשענערן, צו פאַר׳יום־טובן די שול מיט פאַרשידענע צייכענונגען פאַר די פּרוכת׳ן, צו העפטן תורה־מענטעלעך. כל זמן עס האָט זיך געהאַנדלט אין די באַציאונגען, איז דער טאַטע געווען צופרידן מיט די קונסט־שטרעבונגען פון זיין זון, אָבער אַן אַנדערע ווענ־דונג האָט עס אָנגענומען, ווען דעם זון האָט זיך געוואָלט ווערן אַן אמתער קינסטלער. דער טאַטע, דער באַנק־אָנגעשטעלטער און גבאי פון שול האָט דאַן געזאָגט:

— אַ קינסטלער ער, וויים ער וואָס! נישט קיין תכלית, קענסט „שטו־דירן" אין די שקאָלעס, אפילו אַ דענטיסט, נאָר אַ שילדן־ צי פאַרטרעטן מאָלער, דערפון האַלט איך נישט... עס איז נישט קיין יידישע פּראָפעסיע...

„די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — זאָגט קאָלניק — האָט געהאַט אויף מיר אַ דעצידירנדיקן איינפלוס. נישט אַזוי די קאָנפערענץ גופא ווי א טייל פון אירע דעלעגאַטן, וואָס זענען גראָד צו יענע צייט דורכגעפאָרן סטאַניסלאַוואָוו. דאָס זענען געווען: י. ל. פּרץ, שלום עליכם, ש. אַש און ה. ד. נאָמבערג.

מיינס אַ יוגנט־פריינד האָראָוויץ, פאַלט אַנומלט צו מיר אַריין און זאָגט: „אַרטור, מאַך אַ פּלאַקאַט פאַר אַ פאָרלעזונג פון יידישע שרייבער". דעם פּלאַקאַט זע איך נאָך היינט פאַר מיינע אויגן.

ער זעט דעם זאַל, די מענגע מענטשן צווישן זיי, ער און זיין טאַטע, דער גבאי, און פון דער עסטראַדע לויכטן די צעגליטע אויגן פון יצחק לייבוש פּרץ, בעת ער לייענט א פראַגמענט פון זיינס אַ חסידישע מעשה, אָבער באַזונדערס באַצויבערט איז ער געוואָרן פון שלום עליכמ׳ס לייע־נען.

דער זאַל האָט דאַן געשטורעמט פון באַגייסטערונג. שלום עליכם האָט געלייענט זיינע -- „כפּרות".

און מאָרגנע דאָס האָט אין א געווסן זין דעצידירט וועגן זיין גורל. הגם שפּעטער האָט אים פיל מער און דורכדרינגלעכער באַאיינפלוסט פּרץ.

קאָלניק איז דאַן געווען א סטודענט. די באַגעגעניש מיט דער יידישער וועלטלעכער עליטע האָט אים באַהערשט און דורך די דאָזיקע איינפלוסן, געלאָזט אין זיין נשמה אומפאַרגעסלעכע שפּורן.

אין קאַלניקס מאָלעריי דאָמינירט א טעמע: די פורים־שפּילער.

פון די מאָלערישע אַקצעסאָריעס, מיט וועלכע עס זענען געוויינטלעך פול די אַטעליעס פון מאָלער, דאָמינירן ביי אים די מאַסקעס. אָרעמע, קאָמעדיע דעל אַרטע־מאַסקעס. זיי פאַרפאָלגן אים ווי א יוגנט־חלום, ווי א דערמאָנונג פון זיין ערשטער ליבע, ווען ער איז דעמאָלט מיט אַ גרופּע סטודענטן אַרומגעפאָרן איבער קליינע גאַליצישע שטעטלעך און געשפּילט יידיש טעאַטער.

די „בראָדער זינגער" אין אַן אנדערער אויפלאַגע...

— זענען מיר געפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע און געשפּילט טעאַטער. יאָ! רעדט שוין גאָרנישט, וואָס פאַרא טעאַטער דאָס איז געווען! מיר האָבן געשפּילט אין סטאָדאָלעס אין די הויף און אין די טויערן פון אכסניות, קוים, קוים געהאַט אויף רייזע־הוצאות. אָבער ווען מען האָט עס געאַרט.

„די שיינע ווונדערבאַרע צייטן האָבן זיך געענדיקט. איך בין אַוועק פון סטאַניסלאַוואָו, אָנגענומען געוואָרן אין דער קראָקעווער אַקאַדעמיע. כ'האָב געהאַט די אַמביציע צו ווערן א יידישער מאָלער. אין מיר האָט זיך איינגעפרעגט דער קאָלאָריט פון יידישן שטעטל, די ווייסע ראַזעווע הייזער, די פּלויטן.

וואָס עס כאַראַקטעריזירט קאָלניקס יידישן און מענטשלעכן אוניווערז איז די ליבע. ליבע צום גאָט־באַשאַף. ליבע צום מענטשלעכן באַשאַף און די פאַרבינדונג מיטן עבר, וואָס לייגט אַרויף זיין מאָלערישן חותם אויף יעדן פלעק.

פינף יאָר איז קאָלניק געווען א תלמיד פון דער קראָקעווער מאָלערישער אַקאַדעמיע — ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער ווערט מאָביליזירט, קעמפט ווי אַן עסטרייכישער אָפיציר, ווערט פאַרוווּנדעט און שפּעטער באַפרייט.

יאָרן פון הונגער און פון נויט, אין ווין. צו יענער צייט, איז אַ געוועזענער סאָלדאַט נאָך נישט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „העלד".

ער פאָרט קיין טשערנאָוויץ־דאָ באַגעגנט ער אַ יידיש־קינסטלערישע

עליטע, ליטעראַרישע סביבה, אַן אַטמאָספער און אַ לאַנדשאַפט וואָס איז אים נאָענט און היימיש.

— אין די שמאָלע, קרומע יידישע געסלעך, האָב איך געפונען אַ שלל פון די טיפּן, מאָדעלן, נאָך וועלכע איך האָב געבענקט. איך האָב זיי פּיקסירט אויף דער לייוונט. סתם יידן, מאַרק-הענדלער, שדכנים, יידענעס, פון דער קעלער-שטוב... אַ וועלט האָט זיך אין מיר אַריינגעריסן און מיך אין זיי אַנטפּלעקט.

— און בכלל — זאָגט קאָלניק ווייטער — די אַמאָליקע שוין פאַרשוואונדענע וועלט, וואָסערע וווּנדערבאַרע יידישע וועלט איז דאָס געווען. אַזאַ מין נאָענטקייט און אָרעמקייט האָט אַלץ אין אַלעמען פאַרבונדן. משה אַלטמאַן, דער מאָלער רובין, יעקב שטערנבערג, איציק מאַנגער, אליעזר שטיינבאַרג, אַלע זיי האָבן געגלויבט, געהאַט אן אידעאַל...

— איך דערמאָן זיך דעם שול-פאַריין און די לעקציעס וואָס מען האָט דאָרט געהאַלטן... איך דערמאָן זיך... ניין, עס טוט וויי...

— יעקב שטערנבערג שאַפט אַ טרופּע; מען שפּילט „דער זינגער פון זיין טרויער"...

טרויער, טרויער... טרויער... אַ ווײַלע ווערט שטיל.

קאָלניקן האָבן אויך געלאָקט די אַמעריקאַנער „גליקן". אים, מיט זיין פריינד דעם מאָלער רובין. צופעליק האָבן זיי געלייענט, אַז אין אַמעריקע האָט זיך געשאַפן אַ געזעלשאַפט מיטן ד"ר מאַגנעס אין דער שפּיץ צו שטיצן דעם יידישן מאָלער. ליקווידירן זיי אַלץ און פאָרן קיין אַמעריקע.

הויבן זיך אָן הונגעריקע טעג און וואָכן אויף די גאַסן פון ניו-יאָרק.

דער ציימונגס-אַרטיקל וואָס האָט אים באַוויגן צו פאָרן קיין אַמעריקע, איז געווען פון שלום אַש.

צו דער ערשטער אויסשטעלונג וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ ניו-יאָרקער קונסט-גאַלעריע, איז אַפילו שלום אַש נישט געקומען. דר. מאַגנעס אויך נישט, פון אַנדערע יידן איז ממילא, שוין אַפּגערעדט. ערשט שפּעטער, האָט דר. מאַגנעס אונטערגענומען שריט כדי די צווייטע אויסשטעלונג זאָל באַזוכט ווערן. און זי האָט טאַקע געהאַט אַ מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג.

קאָלניק איז צוריקגעקומען אין זיין באַליבטן טשערנאָוויץ, צו זיינע יידישע געסלעך, צו זיינע באַליבטע טיפּן, געשטאַלטן. דאָס לעבן איז געפלאָסן פרידלעך און אין אָנזען: „גוט מאָרגן, הער קאָלניק" פון דאָזאָר ביזן וואַסער־טרעגער. אַלע האָבן אים געקענט און געשעצט.

נאָך 12 יאָר פון אַזאַ פּראָווינצער גירוואַנאַ לעבן, האָט קאָלניק דערזען אַז סוף כל סוף פעלט פּערספּעקטיוו. קינסטלערישע פּערספּעקטיוו. באַשליסט ער אַלץ צו ליקווידירן און פאָרן קיין פּאַריז.

ווען ער איז אין 1930 אויסגעשטיגן אויפן „גאַר די נאָר" מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, האָט אים אָפּגעוואַרט זיין פריינד, דער מאָלער מאַנדעלבוים.

די ערשטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט אים באַגעגנט זענען געווען:

„איר ווייסט, קאָלניק, היינט האָט זיך אויפגעהאָנגען אַ מאָלער". — דער ברוך הבא, פאַרשטייט זיך, איז נישט געווען פון אַ גרויסער דערמוטיקונג...!

די מאָלערישע רענאָמע, וואָס מען ברענגט מיט זיך צוזאַמען מיט די בילדער און צייטונגס־רעצענזיעס, פאַרהאַלט זיך ביי די פּאַריזער „ראָגאַטקעס". אין פּאַריז הויבט זיך אָן פאַר יעדן מאָלער אַ נייער מאָלערישער אלף־בית. שריט ביי שריט, שטריך ביי שטריך, מוז מען דעראָבערן נייע ווערטן. פּאַריז אַנטפּלעקט פאַרן אָנקומענדיקן מאָלער אַ נייע מאָלערישע וועלט. דער לוור, די סענער ברעגעס, דער געווימל פון כל־ערליי מאָלערישע טענדענצן — צווינגען אָפּט דעם מאָלער, וואָס האָט אפילו אַ באַשטימטע פערזענלעכקייט צו רעווידירן זיינע קאָנצעפּציעס, מאַניער. נישט אַלע מאָל גייט מען ארויס אַ זיגער פון דעם אומגלייכן גערַאַנגל.

אַרטור קאָלניק האָט זיין אַלט היימישן קאָלאָריט פון די שימערירנדיקע יידישע הייזקעס, שוואַרץ־גרינע פּלויטן און די פאַרמעטענע יידישע פּנימער פון זיינע שטעטל־געשטאַלטן — די אויטענטישע מעלאָדיעס פון „וואָס אין פידעלע שטעקט" און דעם „זינגער פון זיין טרויער", נישט פאַרלוירן אויף דעם רייכן, פריציש־מאָלערישן בולוואַר פון פּאַריז. פאַרקערט, ער קולטיווירט דעם ניגון, פלעגט אים און פאַראיידלט. מיט דער האַרטנעקיקייט, ליבע און געטריישאַפט פון אַ פינסקער סעדער, פלעגט ער און קאָרמעט זיין אייגענעם מאָלערישן וויין־גאָרטן.

קאָלניק　　　　די מאַמע מיטן יינגעלע

קאָלניק　　　　　　　　　　פורים־שפּילער

— די גרויסע מאָלער האָבן מיך נישט אַנטמוטיקט — זאָגט קאָל־ניק — פּאַרקערט, נאָך יעדן באַזוך אין לוווּר, האָב איך דערפילט א נייעם חיות אין מיין נשמה...

★

די ערשטע צייט אין פּאַריז איז קיין רייד נישט געווען צו קענען לעבן פון מאָלעריי.

קאָלניק האָט צוריק אַרויסגענומען זיינע באַליבטע האָלצשניט־מכשי־רים און געשאַפן אַ רייע האָלץ־שניטן, די „גראָסבאַרד־געשטאַלטן". דאַן האָט נאָך עקזיסטירט אַ יידישער היגמערלאַנד. האָבן די אַלבומען געפונען אַמאַטאָרן אין פּוילן, רומעניע.

אין דער האָלץ־שניט־קונסט ווייזט זיך קאָלניק אַרויס ווי אַ מייסטער. זיין אַ ביסל סטיליזירטע צייכענונג פאַרמאָגט אויסדרוק און אפילו א סאָ־ציאַלן אויסטייטש, ווי אין די משלים איז אויך דאָ פּאַראַן אַ „מוסר השכל", אַ מיסיע. דאָס סאַטירישע אין זיינע האָלץ־גראַווורן, באַקומט אַ בולטן שוואַרץ־ווייסן אויסמעסט און ווערט פאַרזען מיט אַ רייכער גאַמע פון ניואַנסן און האַלב־טענער.

צו זיין סעריע האָלץ־שניטן „פייער" אָדער „אונטערן צילינדער" האָט אַנרי באַרבים געשריבן אַ פאָרוואָרט.

עס קומט ווידער אַ טרויעריקער תקופה, די צווייטע וועלט־מלחמה.

קאָלניק מיט זיין משפחה, באַקומט אַ „רעזידאַנס פּאַרסע", צוואַנג אויפנטהאַלט אין סאַן אַנדרע (ביי גרענאָבל), אין דעם שטעטל וווּ עס איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער פראַנצויזישער מוזיקער בערליאָז. אַ שטראַל פון האָפענונג גייט אויף אין אים. ער הייבט ווידער אָן צו מאָלן. בלויז זיין פאַרבן־גאַמע ווערט באַגרענעצט צו אַ געוויסע צאָל פאַרבן. עס דאָמינירט די טרויעריקע גאַמע. ערד, לעבן, מענטש. אַ בילד פון יענער צייט שטעלט מיט זיך פאָר אַ „ייד", אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע פּויערים.

דער „ייד", דער אייביקער וואַנדערער. דער אויסלייזער. די פּויערים קוקן אויף אים מיט חשד און באַוווּנדערונג „סע לו, „עקצע האָמאָ".

אין אַ געוויסן טאָג, באַקומט קאָלניק אַ בריוול פון ניס, פון זיין פריינד, דעם מאָלער מאָנטשניק: „קום תיכף, מיר פאָרן נאָך איטאַליע די געפאַר איז גרויס !".

קאַלניק איז געווען רעזיגנירט, דערשיטערט, מיד. „צו וואָס לויפן? אויב נישט באַשערט, וועסטו נישט אַנטקומען“:

ליידער איז מאַנטשניק נישט אַנטקומען זיין יידישן גורל אפילו אין איטאַליע.

אויף די עקזאָד־וועגן לויפן מענטשן אין פּאַניק, מען שיצט זיך צוטול־יענדיק צו דער ערד. און די שטעטלעך פון דער אַזוי גערופענער פרייער זאָנע, וואו קיין שולן זענען נישט פאַראַן, שאַפן זיך מנינים אין די ימים־נוראים־טעג און ווי פון דער הוילער ערד ארויס, באַווייזט זיך אַ ספר תורה...

אין אַ געווינסן טאָג שפּאַצירט ער לענג אויס דעם שטילן בולוואַר פון סאַן אַנדרע, נישט ווייט פון דעם בערליאָז־דענקמאָל. פּלוצים רייסט אים אַרויס פון זיינע דמיונות אַ ברוטאַלער געטראַסק פון פויזנדיקע טאַנקן און אַ געלויף פון סאָלדאַטן אין שטאָלענע העלמען באַדעקט מיט שטויב. קאַל־ניק שוידערט אויף.

„מאַדאַם — זאָגט ער צו אַ דורכגייענדיקער פרוי, — אַנטלויפט די דייטשן זענען דאָ!“

„אָרעמער פריינד, — ענטפערט די פרוי, — באַרואיקט אייך, מיר זע־נען באַפרייט, דאָס זענען אַמעריקאַנער!“

✶

הויבט זיך אָן אַ נייַ קאַפּיטל. אַ קאַפּיטל וואָס איז בלויז אַ נייער וואַריאַנט צו דעם אַלטן און אַזוי גוט באַקאַנטן געראַנגל פון א יידישן מאָלער. ווידער אָנהויבן פון דאָס נייַ.

ער איז צוריק אין פּאַריז מיט זיין משפּחה, מיט זיינע בילדער, אָבער דער קאָשמאַר בלייבט — די יידן פון אַמאָל, וואָס שלייכן הינטער אים באַנפעלן עפּעס: „אין דיין בלוט מוזט דו לעבן“...

די שוואַרצע קליין־שטעטלדיקע פּלויטן, באַדעקטע מיט גרינלעכן מאָך, זייערע דעכער האָבן זיך אַליץ טיפער איינגעוואָרצלט אין זיין לייב.

אַ וועלט איז פאַרשוואונדן, זיין וועלט.

אויף דעם מאָלער־שטענדער ליגט דאָס קליינע פידעלע, אויפן אַר־בעטס־טיש די פאַרגעלטע טשערנאָוויצער פאָטאָגראַפיע. פון די ווענט קוקן אַרונטער מאַסקעס ווי פאַנטאָמען. שלום־עליכם, פּרץ רעדן צו אים. דער

אַלטער ניגון ברומט אין אים קוים... ער וועט אים צוריק אויפלעבן, אַריינבלאָזן אַ נייעם ריטם, אַ ניי לעבן...

און ער נעמט זיך מיט פלאַם צוריק צו דער הייליקער אַרבעט אין אַ פאָרשטאָט פון פאַריז, און טראָגט די מוראדיקע לעבנס־קלעפ, נעמט ער אויף זיך די אַרבעט, דעם גורל. פרצ'ס „גילגול פון אַ ניגון" איז אויך זיין ניגון, דער יידישער ניגון...

אין די נייע האָלצשניטן פירט אונדז דער קינסטלער צוזאַמען מיט זיין ר' היימל אויף דעם געיעג פון אַ נייעם „אל מלא רחמים".

קאָלניקס גראַפישע ליניע איז אַן אויסדרוקספולע און רייך מיט ניואַנסן. נישט פאַראַן קיין פגימה פון צופעליקייט, פון „האַזאַר", אַלץ איז „געוויגן און געמאָסטן" אָן מינדסטן פאַלשן קלאַנג. אין „גילגול פון אַ ניגון" האָבן זיך אויף אַ וואונדערבאַרן אופן משדך געווען פרצ'ס ליטעראַרישע און קאָלניקס פלאַסטישע וויזיע.

מוז מען דאָ אונטערשטרייכן, אַז די האָלץ־שניטן זענען אַ קינסטלערישע דערגרייכונג, נישט בלויז פון אַ יידישער קינסטלערישער באַרעכענונג, נאָר אויך פון אַן אוניווערסאַלן ווערט.

אָבער נישט בלויז אין זיינע האָלץ־שניטן דעקט קאָלניק אויף זיין יידישע וויזיע. דער אינסטיקטיווער דראַנג ביי אים צו געבן אַ ריין מאָלערישן תיקון דער יידישער וויזיע, געפינט אין זיינע אייל־בילדער אַ ביז גאָר פאַסיקן עקוויוואַלענט.

קאָלניק האָט זיין קאָלאָריט, וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היימשטאָט. קלאָר, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אַ גרויסע מעטאַמאָרפאָזע. די אַמאָליקע רעאַליסטישע שווערקייט איז פאַרשוואונדן פון זיין קאָלאָריסטישער פּאַך. זי שימערט איצטער דיסקרעט מיט א צאַרטער טאָנאַליטעט, און ניואַנסן־גלימער. די טעמאַטיק איז תמיד די זעלבע בענקשאַפט און נאָסטאַלגיע צום „אַמאָל" און גלייכצייטיק ווי אַן אָנזאָג פון אַ נייעם יידישן לעבן, דערפאַר אויך פאַרנעמען די „קינדער" אַזאַ פלאַץ אין קאָלניקס בילדער.

קינדער מיט שמחה־תורה־פענדלעך, קינדער וואָס שפּילן זיך אין פורים־העלדן, קינדער וואָס באַגלייטן זייערע יידישע טאַטע־מאַמע אין שול, קינדערלעך מיט גרויסע אויגן, און קוקנדיק אויף זיינע בילדער דאַכט זיך

אויס, ווי יעדער פּערסאָנאַזש וואָלט געזאָגט צום קינסטלער: „וווּ דו וועסט גיין וועל איך אויך גיין“.

גייט אים טאַקע נאָך אַ גאַלעריע פון געשטאַלטן און די יידישע קאַפּעליע. אַלע זיי באַקומען דעם אויסזען פון „שבת־יום־טובדיקע יידן“, אַזוי ווי דער „באַס“ (לויט פּרצ'ן) וואָס פליט אין הימל אַריין אויספירן די שליחות פון אַ מוזיקאַנט אין דער הימלישער קאַפּעליע, אַזוי פירט קאָלגיק אַליין זי אויס דאָ, צווישן אונדז, אויטענטיש און פול מיט התלהבות.

„דער מענטש און זיין ווערק“, מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז זעלטן קען מען געפינען אַזאַ האַרמאָניע צווישן מענטש און זיין שעפערישן ווערק.

זי אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין אַ מין מאָלערישן אָרעאָל פון ליבע. אין דעם אופן פון פאַרבן־טאָן, און צייכנערישער ליניע. אין דעם דריקט זיך אויס זיין מאָלערישער אוניווערז און וויזיע, וואָס איז אָן אַ פּגימה, הגם אַן עצבותדיקע.

קאָלגיק שוינט דאָס לעבן. יעדער בויג פון אַ בלעטל, יעדער ניואַנס פון אַ קאָליר איז אים טייער, איז אים ליב... און אָט די ליבע אפילו געזען און געפילט דורך דעם טריבן שיין פון אַ דראַמאַטישן קאָנפליקט און נאַאיוויטעט, באַקומט זיך ווי א געלייטערט געזאַנג, ווי קאָלגיק האָט געמאַכט פאַר אייגן דעם וואונדערבאַרן פּרצ'ישן זאָג: — „שבת זאָל זיין!“ זיינע קליינע מענטשעלעך, זיין „טאָפּעלע טוטעריטו“, זיינע אָרימע יידישע קינדער מיט זייערע יום־טובדיקע פענדלעך, פון אַ צאַרטן רויט און מיט זייערע צעשראָקענע אויגן, זיינען ווי אַ הימן פאַר דעם געלייטערטן יידישן לעבן.

אַזוי איז ער, קאָלגיק, אין זיין לעבן, אַזוי דריקט ער זיך אויס אין זיין קאָלאָריט און אין זיין צייכענונג... ענלעך אויף אַן אַמאָליקן סופר: אָפּגעהיטן ריין, אמתדיק.

קיקאין

די אַטעליע פון קיקאָאין פאַרמאָגט די „אַטמאָספער" פון „אַמאָל",
עפּעס פון דער מאָלערישער העראָאישער תקופה, פון די „גוטע אַלטע
צייטן". זיי זענען געווען אפשר אַזעלכע פאַר די „פלאַסטישע טרוימער",
וואָס זענען געקומען קיין פאַריז מיט זייערע ליידיקע קעשענעס און מיט
אַן אוצר פון אינערלעכע וויזיעס, נישט אַזוי אין מאַטעריעלן זין פון
וואָרט, אָבער ווי רייד, ווי דערהויבן אין גייסטיקן און שעפערישן אויס־
מעסט.

אין דער גרויסער אַטעליע, זע איך צווישן דעם צונויפקלויב פון זאַכן
פון „מאַרשע רע פּיס"!, אַ פאָטאָגראַפיע פון אַמעדי מאָדיליאַני.

— איר האָט גוט געקענט מאָדיליאַני?

— ביען סיר, וואָסערע פראַגע, ער איז געווען אַ גוטער חבר.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען, ער איבעררייסט דעם געשפּרעך.

אין די צייטן פון מאָדיליאַני, זענען אין די אַטעליעס קיין טעלעפאָ־
נען נישט געווען. און צענטראַל־באַהייצונג אויך נישט. נישט ווייט פון
דאַנען, אין סיטע פאַלגיער, האָט זיך געפונען די אַטעליע פון סוטין און
מאָדיליאַני.

כדי זיך אויסצוהיטן בייגאַכט פון די אומגעבעטענע וואַנצן, פלעגן זיי

שלאָפֿן אויף דער פּאָדלאָגע און אַרומצוימען זייערע געלעגערס מיט אַש, אין וועלכן זיי פֿלעגן מאַכן אַ ריוול און עס אויספֿילן מיט וואַסער. עס איז געווען אַ שטיקל שויץ. צוקאָפּנס פֿלעגן זיי אַוועקשטעלן אַן אָנגעצונדן ליכט, ווי ביי אַ מת. דאָס איז געווען פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די צייט איז ווייט, זייער ווייט.

ווען קיקאָאין דערמאָנט די צייט, צעשטראַלן זיך זיינע קליינע אויגן זיין רונדיקער קרעפּטיק־רויטלעכער פּנים פֿאַרגייט זיך אין אַ שמייכל... און ער שטאַמלט אויס מיט באַגייסטערונג: „אַ! וואָסערע ווונדערבאַרע צייט איז עס געווען!“.

אין דעם אַרום זענען נאָך פֿאַרבליבן, ווי געזאָגט, סימנים פֿון אַמאָל. אַ „קאַראַהאָד“ פֿון פֿאַרשיידענע שולן פֿון אַלע סטילן און פֿאָרמען. דאָ און דאָרט, אָנגעהויבענע אומגעלענטע זאַכן וואָס קענען אַמאָל דינען פֿאַר אַן „אינטעריער“. צו אַ שטיל־לעבן, אין וואַזעס־סלאָיקעס, אַ וואַלד מיט „אָפּגעבליטע“ פּענדזלען. אַרום אויפֿן טיש אויסגעקוועטשטע פֿאַרבן־טובקעס. אַ סימפּאַטיש און אַזוי גערופֿענע אַרטיסטישע אומאָרדנונג הערשט דאָ. זיין פֿרוי האָט שוין פֿון לאַנג רעזיגנירט. כל־ערליי אָריענטאַלישע בונטע טעפּיכער, פֿאָרהאַנגען וואַרפֿן זיי צו אַ לעבעדיקע נאָטע. אויף אַ נידעריק טישל עטעמט פֿון זיך אַרויס אַ שטיל־לעבן, האַבסטיקע ריחות, נעבן אַ וואַזע מיט פֿאַרוועלקטע בלומען, וועלטשענע ניסלעך און אַ פּסח־כוס.

אַ ביסל ווייטער, אויף אַ ברוינלעכער קאָמאָד, ליגן אָנגעוואָרפֿן צווישן אַנאַנדער רויטע סעזאַנישע עפּל, אַ שטיקל קאָלירפֿולע שטאָף, אַ צינען־קוויגל, אַ מאַראָקאַנישע טאַץ, אַ ליידיקע פֿלאַש.

— כ׳וואָלט אייך גערן מיט עפּעס מכבד געווען, אָבער מיין פֿרוי איז ביים זון, ווען כ׳וויל אַמאָל זיין אַליין.

איר ווייסט דאָך, אַ מאָלער האָט ליב פֿולקאָמע רואיקייט אַרום זיך, זאָג איך צו מיין פֿרוי: „דו ווייסט, איך האָב געזען יאַנקלען (קיקאָאינס זון, אַ באַקאַנטער מאָלער), און שטעל דיר פֿאָר אַז זיינע זאַכן זענען צעריסן!“ און מער דאַרף איך נישט. זי נעמט תיכף דעם מעטראָ און פֿאָרט צום זון!... און דערביי לאַכט ער... לאַכט פֿון דעם קונדאַציקן שטיקל... ער דערמאָנט זיך אוודאי די צייטן ווען ער איז געגאַנגען אין חדר...

מיר זעצן זיך אַוועק ביי אַ שטול. קיקאָאין שאַרט צונויף די קרישקעלער... אַ קלייניקייט „גאָטס גאָב"...

— מאָדנע — זאָגט ער — אַז די שוואַכקייט צונויפצוקלייבן די „קרישקעלער", פילט זיך אויך זייער אָפט אין דער מאָלעריי פון יידישע מאָלער.

אין דעם פּאַראַדאָקס איז פאַראַן אַ שטיקל אמת.

— איר ווילט וויסן עפּעס פון מיין לעבנס־ביאָגראַפיע? גוט!

ער פאַרזשמורעט זיינע אויגן אונטער די שפּאַקולן, זיין שטערן רינצלט זיך, די צעוואַקסענע ברעמען — וואָס זענען אין אַ קאָנטראַסט מיט זיין פּנים, וואָס האָט נאָך באַהאַלטן אין זיך סימנים פון קינדערישקייט — ווערן שטאַר.

— איך בין געבוירן אין 1892, אוי וויי, וואָסער מהלך! אין רעזשיצע... דאָס הייסט אייגנטלעך נישט אין רעזשיצע, נאָר אין האָמעל, אָבער דערצויגן בין איך געוואָרן אין רעזשיצע, נישט ווייט פון וויטעבסק. רעזשיצע איז געלעגן צווישן קאָרן. אין שטאָט גופא האָט געוואַקסן קאָרן, קאָרן, אין זומער, פאַרשטייט זיך. און ווינטער זענען די בערגלעך פול מיט שניי און צווישן זיי דאָ און דאָרט, צעוואָרפענע הייזקעס, ווי שפּילצייג.. אין איינעם פון זיי האָט געוווינט מיין זיידע, דער רב פון שטעטל.

ווען איך פלעג צו אים קומען אויף „שבת־אויבסט", פלעגט ער זיך תמיד וואונדערן: „ווער איז דער יינגל?". ערשט אַז מען האָט אים געזאָגט: „דאָס איז דאָך העניעס זון!" פלעגט ער זאָגן: „נו, קאָרמעט אים אָן!"...

— איר קענט זיך נישט פאָרשטעלן די שיינע יידן פון אַמאָל, נישט בלויז וואָס זיי זענען געווען רעליגיעזע, נאָר אַרום זיי האָט געשוועבט אַ רעליגיעזע אַטמאָספער... מיין מוטער האָט געהאַט אַ דורכזיכטיקע נשמה, און בלויע אויגן. אַלע אורחים און בעטלער האָבן זי ליב געהאַט, דער טאַטע איז געווען אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק. מען פלעגט אים רופן „שמואל דער משוגענער", אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געווען א שטיקל „דזשיוואַק", ער פלעגט שפּילן פידל. נישט בלויז שפּילן, נאָר פאַבריצירן פידלעך. אויף די ווענט פון אונדזער חדר זענען געהאָנגען 8 פידלען,

אָבער טראָץ דעם, האָט ער נישט געוואָלט ווי אַלע יידישע טאַטעס,

אַז איך זאָל ווערן אַ קינסטלער. „נאָר אַ קאָמערטשעסקי מענטש" (אַ סוחר), דערפאַר האָט ער מיך געשיקט קיין מינסק אין דער האַנדלס־שולע.

דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיטן לערער קריגער, ביי וועלכן איך האָב אויך געטראָפן חיים סוטין, וואָס איז דאָ אַהער געקומען פון שמו־לאָוויטש, ווו זיין טאַטע האָט געוואָלט פון אים מאַכן אַ שניידער.

נישט סוטין און נישט איך זענען געווען געהאָכזאַמע קינדער, אָבער פונדעסטוועגן, אַז כ'פלעג מיין טאַטן ברענגען מיינע צייכענונגען, האָט ער זיי איינגערעמט אין סאַמעטענע ראַמלעך און צעהאָנגען אויף די ווענט צווישן זיינע פידלען.

„מינסק איז נישט געווען קיין קינסטלערישער תכלית פאַר מיר. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווילנע. דאָרט, אין דער צייכנער־שול האָט געהאַט אַ רום דער פּראָפעסאָר רובאַקאָוו, אַ באַקאַנטער „פּערעדוויזשניק" (רוסישע מאָלער, וואָס פלעגן מאָלן אין די דערפער צווישן פאָלק).

כ'האָב ערגעץ ווו געפינען אַ פּאָסט־קאַרטל מיט אַ בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט „יהודית מיטן קאָפּ פון האלופארנעם", כ'האָב געמאַכט דערפון אייניקע רעפּראָדוקציעס און דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכ־קייט צו פאָרן קיין ווילנע.

ווען מיין טאַטע פלעגט געשעפטלעך קומען קיין ווילנע, פלעגט ער צונויפרופן אַלע מיינע חברים קינסטלער, צווישן זיי אויך סוטין, און אונדז פירן אין אַ רעסטאָראַן.

— נו — פלעגט ער זאָגן — עסט סקאָלקאָ אוגאָדנאָ, עס זאָל אייך קלעקן אויף א חודש צייט, ווייל איך קום בלויז איין מאָל אין אַ חודש.

— אַך, מיין פריינד, געווען א צייט... פול מיט ליבע, האָפענונג און חלומות... וואָס וועל איך אַ סך ברייען. אין אַ שיינעם העלן טאָג פון 1912 בין איך אָנגעקומען קיין פאַריז. אַ חלום איז מקוים געוואָרן... און אָנגע־קומען בין איך אין „לאַ רישֿ"

כ'האָב דאָרט אָנגעטראָפן אַ שפּאָר ביסל יידישע קינסטלער, ווי למשל אינדענבוים, קרעמען, צוקערמאַן, סוטין, דאָברינסקי, שאַגאַל... און פיל אַנדערע.

שאַגאַלן זענען שטאַרק געפעלן געוואָרן מיינע געלע שיך. קען זיין

דערפאַר ווייל ער האָט ליב געהאַט דאָן די געלע קאָליר... האָבן מיר גע־ביטן די שיך. ער האָט מיר געגעבן זיינע שוואַרצע פאַר מיינע געלע און דערצו האָב איך נאָך באַקומען צוויי פראַנק...

— פון וואָס האָט איר געלעבט?

— אויף דעם, מיין פריינד, קען איך נישט ענטפערן, כ'ווייס נישט...

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט מען זיך אנגאַזשירט צו דער אַרבעט אין אָקאָפּעס. איך האָב געגראָבן, סוטין האָט געשלעפּט וואַסער... שפּעטער האָב איך געמאַכט פאָרטרעטן פון פאָטאָגראַפיעס. ערשט אין פּאַריז, ווען איך האָב מיך צוזאַמען מיט סוטינען, באַקענט מיט מאָדי־ליאַני האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל.

מאָדיליאַני האָט אונדז באַקענט מיט אַ קאָלעקציאָנער, זאַמאַרין

— איר זעט, אָט דער זאַמאַרין איז געווען אַ פּרעפעקטור־שעף, האָט געהערט צו דעם טיפּ פּראָוינצער, וואָס האָבן אויסערגעוויינלעך ליב מאָ־לעריי. אַז מען פלעגט אים ברענגען אַ בילד, אַפילו ווען עס האָט אים נישט געפאַלן, פלעגט ער קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן, נישט קויפנדיק עס פאַר 25 פראַנק. אַ חוץ דעם, האָט ער קיינמאָל נישט געמאַכט קיין שווער־ריקייטן מיט „פּאַפּירן“ פאַר אַ מאָלער, ווען אפילו ער איז נישט געווען אינגאַנצן „כשר“.

מיר האָבן אויך געהאַט אַנדערע קאָלעקציאָנערן, ווי למשל שעראָן, אַז מיר פלעגן צו אים גיין, סוטין, קרעמען און איך, פלעגן די מאַרק־פאַרקויפער אונדז באַצייכענען ווי די „דריי גראַציעס“, אַזוי קלעגלעך האָבן מיר אויסגעזען.

וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די מאָלער, וואָס האָבן זייער קינסטלערישע קאַריערע אין פּאַריז אָנגעהויבן אין דעם באַרימטן „לאַ ריש“, איז קודם כל דאָס, וואָס זיי האָבן נישט פאַרלוירן אין דעם דינאַמישן מאָלערישן „קעסל ־ גרוב“ פון פּאַריז, זייער פערזענלעכע וויזיע. דאָס קינסטלערישע פּנים, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען פון זייערע שטעט און שטעטלעך.

אַדורכמאַכנדיק אַ טיפע און מאָלערישע עוואָלוציע אין פראַנקרייך, געניסנדיק פון דעם קאָנטאַקט מיט דער פראַנצויזישער מאָלעריי און

פון לוור, האָט יעדער פון זיי באַהאַלטן דאָס, וואָס קיקאָאין רופט אָן די יידישע „קרישקעלער“, דעם קינסטלערישן גאָטס גאָב.

זיכער איז פאַראַן אַ געמיינזאַמער שטריך און קאָלאָריט אין זער מאָלערישער וויזיע ביי די יידיש־רוסישע מאָלער פון יענעם צייטאָפּשניט. דער שטריך — פון כמעט דעם זעלבן יידישן מיליע — די געמיינזאַמע לאַנדשאַפט האָט זיי אַלעמען אַרומגערינגלט. די שטעט וויטעבסק, קרעמענטשוג, מינסק, ווילנע, האָבן אויך געשאַפן אַ סך געמיינזאַמעס.

פון די ענגע יידישע געסלעך האָט עס רעגנבויגנדיק אַ פּראַל געטאָן מיט אַ שלל פון פולבלוטיקע פאַרבן. און די פאָרמען האָבן אין זיך פאַרמאָגט עטוואָס פון דעם אַרומיקן שול־געסל, (וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק ביי סוטינען, אפילו אין זיינע פראַנצויזישע פּייזאַזשן).

אַזוי, אַז אין דער אַזוי־גערופענער „פּאַריזער שולע“ איז פאַראַן א שפּאָרער מאָלערישער „קוואַרטאַל“, וועלכן מען וואָלט, דאַכט זיך, געקענט באַצייכענען מיטן נאָמען דאָס „שול־געסל“...

זייער מאָלעריי איז נישט בלויז געווען אן אויסדרוק פון א געמיטצושטאַנד און פערזענלעכער וויזיע, נאָר האָט אויך אין אַ געוויסן זין אָפּגעשפּילט אַ היסטאָרישע תקופה. עפּעס האָט זיך אַ וואַקל געטון ביים אָנפאַנג פון 20־טן יאָרהונדערט אין דער אַלטער וועלט, אין יידישן שטעטל. נייע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן, נייע ווערטן האָבן זיך געמאַכט א דורכגאַנג אויף די תחום שבת־וועגן.

דער רענעסאַנס־גראַנגל האָט באַקומען אַ געוויסע פּלאַסטישע אָפּשפּיגלונג אין די ריין סוביעקטיווע בילדער פון די „דריי גראַציעס“, ווי עס האָט באַצייכנט קיקאָאין אויף אַזאַ פּיטאָרעסקן אופן די דריי חברים... (סוטין, קרעמען און קיקאָאין). אָבער דאָס איז נישט בלויז חל אויף די דריי. אויך אַנדערע יידיש־רוסישע מאָלער קענען אַרונטערגענומען ווער אונטער דעם זעלבן גאַרטל.

ווען דו באַטראַכסט די אַטעליע פון קיקאָאין, באַגעגנט דיך אַ ריח פון אייל און צייטיקע פּירות. פאַר זיין פענסטער שטייען טאַקע אַ פּאָר פּאַויזער ביימער־בלעטער נאַקעט, מיט איינגעשרומפּענע ווינטערדיקע צווייגן אָבער דאָ, פון די ווענט, פּראַלט אַרונטער פון די בילדער מיט

קיקאָאין פּייזאַזש

שפּעט־זומערדיקער שפּע מיט אַ פעטער גרינקייט, מיט אַ זאַפטיקן ציגטער־רויט, מיט אַ ווירוואַר פון צעיובלטע קאָלירן, וואָס פרייען זיך דאַכט זיך אַליין מיט זייער האַרמאָנישער שכנותדיקייט.

קיקאָאין זעט די נאַטור ווי אַ צעבליטן גאָרטן. אַ ווילד צוגויפגעוואַקסענעם גאָרטן. נישט ווי די גערטנער האָבן יעדן שפּאַן־ערד אַריינגעגעסדרט אין צוימען און אין פריוואַטע שטאַכייטן, נאָר ווי אַלץ וואַקסט אויף „גאָטס באַראָט". אויך די פאָרמען זענען נישט באַגרענעצטע מיט אַ הערמעטיש פאַרמאַכטע צייכענונג, נאָר זי איז בלויז באַצייכנט מיט אַ קאָלאָריט וואָס פליסט אָפּט אַרויס פון זיינע אינדיווידועלע בּרעגעס, אַלץ מיט אַנאַנדער קערט זיך אָן, איז — קרוביש.

די מאָלערישע פלעכן פון זיינס אַ קאָמפּאָזיציע, אויך דאָרט ווו עס זענען פאַראַן פּערסאָנאַזשן, פלעכטן זיי זיך אַדורך אַזוי, אַז עס איז שווער אויסצוטיילן איין אָביעקט פון אַ צווייטן, זיי זענען האָמאָגעניש צוגויפּגעקלאַמערט אין איין ריטם, אַ ריטם פון לעבנס־פרייד.

„לעבנס־פרייד" איז טאַקע דער מאָלערישער קרעדאָ אין קיקאָאינס בילדער.

און די בילדער וואָס נעמען אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון 40 יאָר און דאָך כאַראַקטעריזירן זיי די זעלבע איינגשאַפט. די ליבע פאַר דער נאַטור, די ליבע פאַרן מענטשן און דער עיקר, די ליבע פאַרן קינד.

דאָס קינדער־קעפּל איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר קיקאָאינען פאַר באַגייסטערונג. און מאָדנע, דאָס גראָד אין דער צייט ווען דאָס מענטשלעכע פּנים פאַרלירט אין אונדזער ראַציאָנעלער מאַטעריאַליזירטער צייט פון זיין באַדייטונג אַלס מאָלערישער מאָטיוו.

קיקאָאין, ווו ער קאָן נאָר, האָט ער ליב איינצופלעכטן דעם מענטשן אין זיינע לאַנדשאַפטס־מאָטיוון.

אַ גרויס בילד איינגערעמט אין אַ „מוזעאַלן" ראַם, וואָס ער ווייזט מיר, איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פולבלוטיקן מאָלער.

יונגע מיידלעך, וואָס שימערן צווישן אַ טיפן גרין מיט העל זיידענע קליידער (פּילסט די מאַטעריע), רייסן צייטיקע פרוכטן פון אַ שטאַמיקן בוים..

צו פוסנס פון בוים זיצן קינדער פול מיט דערוואַרטונג. דעם מאָטיוו האָט קיקאָאין געמאָלן אייניקע מאָל.

אָבער אין זיין מאָלעריי איז פאַראַן אַ חוץ דער לעבנס־פרייד, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם פאַרבן סענסיאַליטעט, אויך אַ מין געדעמפטן, אָבער צייטיקן קאָלאָריט (ווייניק ערד־פאַרבן, שוואַרץ צי אַנדערע מינאָר טענער), איז אָבער אויך פאַראַן אַ נאָטע פון דעמערונג.

דער אימפּרעסיאָניזם, אָדער בעסער געזאָגט, דער נאָך־אימפּרעסיאָניזם, האָט געהאַט איר השפּעה אויף קיקאָאינען, אַזוי גוט ווי אויף זיינע חברים.

דאָרט איז פאַראַן אָט די לעבנס־באַרוישונג, די צעבליטע מאָזאַאיק פון פאַרבן, וואָס עטעמט פון זיך אויס איינהייטלעכקייט, קאָלאָריט און לעבנס־פרייד.

אמת, רעזשיצע איז געלעגן צווישן געל גאָלדיקע קאָרן־פעלדער, וואָס האָבן געשטאַלטיקט קיקאָאינס נשמה קאָלאָריט. אָבער עס זענען אויך געווען אַנדערע „קאָלאָריטן“, „בין השמשות“ אַרום אים און אין זיין באַהעמיש לעבן. זיי האָבן אים באַפאַרבט זיין נשמה. אַזוי אַרום, פאַרשטייען מיר פאַרוואָס דאָ און דאָרט פון זיינע צעיובלטע מיט קאָליר, בילדער, לייגן זיך געדעמפטע שאָטנס.

ווי אַ וואָלקן וואָלט אַקאָרשט אַדורכגעשווימען איבערן בילד, אין דעם אַנטפּלעקן מיר דעם קיקאָאינישן געראַנגל, אַ געוויסע דראַמאַטישע נאָטע, דעם דראַנג צו אַ קאָנטראַסטפולקייט. אָבער דער עיקר אין זיינע פאָרטרעטן. דער קאָנטראַל איז נישט ווי אַ קעגנזאַץ אין דער פאַרב פון אַ פלעק (ווי שוואַרץ און ווייס), נאָר איז באַהאַלטן אין דער זעלבער פאַרבן־גאַמע, אין דער זעלבער טאָנאַליטעט. אין זיך אַליין.

פון זיין רייזע אין ישראל ברענגט ער מיט אַ רייע בילדער פון אַלטע שולן אין צפת, וואָס פאַרמאָגן דעם קאָלאָריט פון די שולן פון תחום המושב. אויך די לאַנדשאַפט פאַרמאָגט דעם פאַרבן־קנויל פון די לאַנדשאַפטן פון פראַנצויזישן „מידי“.

— וואָס טראַכט איר, קיקאָאין, איבער דער יידישער קונסט?...

— אינעם זין ווי עס איז פאַראַן למשל, אַ פראַנצויזישע, שפּאַנישע צי האָלענדישע קונסט, קלאָר, פאַרמאָגן מיר עס נאָך נישט, אָבער עס איז

פאַראַן אַ יידישער נוסח, אפילו לעוויטאַן, דער רוסישער פּייזאַזשיסט, „פאַר עקסעלאַנס“, האָט פאַרמאָגט א סך יידישעס אין זיין אופן מאָלן, שוין אָפּגערעדט פון דעם גרויסן סקולפּטאָר אַנטיקאָלסקי.

איר פאַרשטייט, גענוי דעפינירן קען איך עס נישט, אָבער ווען איך גיי אַדורך אַ קונסט־סאַלאָן, דערקען איך צווישן טויזנטער בילדער די בילדער פון יידישע מאָלער, אפילו ווען איך קען זיי נישט.

— צי האָט איר געמאָלן תנ״ך־מאָטיוון?

— ניין, ווייל איך האַלט מיך אויסשליסלעך אין דער נאַטור. אין ישראל האָב איך געזען אַ סך בילדער אויף ביבל־מאָטיוון, אָבער איך קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס, למשל, דער מלך דוד זאָל אויסזען ווי אַ לייטער; אויב אַזוי, האַלט איך בעסער פון אַ פראָסט פשוט עפּל.

— וואָס טראַכט איר איבער אַבסטראַקטער קונסט?

— פאַר מיר איז עס מער אַ דעקאָראַטיווע ווי אַ ריינע קונסט. אונדזער מאָלערישע קאָנצעפּציע איז געווען אַן אַנדערע. מיר האָבן תמיד געזוכט און זוכן ווייטער דעם ריין מאָלערישן סינטעז, אַלעם איבעריקע איז ליטעראַטור.

— זייט איר צופרידן וואָס אייער זון איז אויך אַ מאָלער?

— אין אָנפאַנג, בין איך נישט געווען אַזוי שטאַרק צופרידן, ווייל ער האָט פּלוצים איבערגעריסן זיין קאַריערע אַלס געאָלאָג, אַוועקגעוואָרפן זיין פּאָסטן (ווו ער האָט פאַרדינט 300.000 פראַנק א חודש), אָבער איצטער בין איך צופרידן, איר פאַרשטייט, איך קען דאָך נישט זיין ווי מיין רעזשיצער טאַטע.

איך בין צופרידן, ווייל עס איז פאַראַן קאָנטינואיטעט און אפשר...

זיין פּנים דריקט אויס גלויבן אין דעם עכט קיקאָאינשן געלעכטער אין וועלכן אפילו די אָנגעכמורעטע ברעמען, דאַכט זיך, לאַכן אויך.

קרעמען

יעדער נעמט מיט זיין שאָטן פון דעם ליכטיקן אַמאָל. אפילו אין פּאַריז אין דער „שטאָט פון ליכט“ איז פאַרן מאָלער פּנחס קרעמען דער הימל באַלויכטן מיט זאַלודאָקער בין־השמשות ליכט.

א ליכט וואָס פאַרמאָגט אין זיך די פאַרבן פון א רעגן־בויגן, א ליכט וואָס אנטפּלעקט אין לעצטן אויגנבליק איר אנטשטייאונג, וואָס איז בלויז געהילט מיט א וואַל פון נאָסטאַלגיע און באַדויער.

שווער צו געפינען א קינסטלער, וואָס זאָל זיין אַזוי פול מיט זיך, מיט זיין איינזאַמקייט ווי קרעמען, הגם ער איז אפשר דער געטרייסטער חסיד פון „מאָנפּאַרנאַסער בית־המדרש“.

און דאָך איז ער איינער אַליין, הגם ביי זיין טישל איז תמיד פאַראַן א קרייז פון מאָלער, אַלטע חברים און יונגע, וועלכע לעבצן נאָך א ביסל מאָלערישער תורה, וואָס קרעמען טייטשט זיי אויס אויף אן אייגנאַרטיקן אופן. אָפטמאָל איז זיין שיטה איז קעגנזאַץ צו דעם אָנגענומענעם און קאַנאָניזירטן. ער פאַרמאָגט עפּעס פון אַ רב, אין וועלכן עס קאָכט אין ברויזט דער רעוואָלט — לשמה.

זאַלודאָק, וואָס נישט ווייט פון ווילנע, איז מיט אים אין משך פון צענדליקער יאָרן פאַרבליבן ווינען אין פּאַריז: אין האַרצן פון דער וועלט. אַזוי גוט ווי סמילאָוויטש איז פאַרבליבן מיט סוטינען, און וויטעבסק מיט שאַגאַלן, קרעמענטשוג מיט מאַנע קאַץ.

ווען זיי, די אייגנאַרטיקע מאָדערנע בנימין השלישי'ס, די טרוימערס־קינסטלער האָבן פאַרלאָזן די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" פון זייער היימישן גלופּסק, האָבן זיי מיטגענומען אין זייערע וואַנדער־טאָרבעס דעם ירושה־דיקן אוצר פון דורות, וואָס איז באַשטאַנען פון הוילער בענקשאַפט...

און מאָדנע די „אָרעמסטע פון די אָרעמסטע" האָבן פאַרווירקלעכט אַ פאָלקס־חלום: דער גרויסער פּייסאַזש, וואָס האָט ארומגענומען דאָס יידישע לעבן, האָט מיט אַמאָל אַ שפּראָץ געטאָן מיט די שענסטע און פאַנ־טאַסטישסטע מאָלערישע עדען־געוויקסן.

איבער וויטעבסק, סמילאָוויטש זאלודאָק קרעמענטשוג און אַנדערע יידישע שטעטלעך, האָט זיך אַלזאָ אַ לאָז געטון אַ נייער ייד: דער יידישער מאָלער.

פּינחס קרעמען איז געווען איינער פון זיי, אַ מין משולח, אַ פאָרגייער און געווען איז דאָס אין יאָר 1912.

פּנחס קרעמען האָט זיין שורש גישט פאַרלוירן אין דעם גרויסן „קעסל־גרוב". פאַרקערט, ער האָט אים קולטיווירט, פאַרטיפט; דערפירט צו זיין עקזאַקטן און אויסדרוקספולן מאָלערישן באַשייד און רעזאָנאַנס.

די גרעסטע מעלה פון אַ קינסטלער — און מענטשן בכלל — איז זיין געטריישאַפט צו זיך.

פאַראַן מאָלער וועמענס לעבן איז אויף אַ האַרמאָנישן אופן אויסגע־סדרט ווי זייערע בילדער וואָס שטייען אויף די פּאָליצעס דאָ אין אַלקער: לויט זייער גרויס, לויט זייער פּעריאָד און לויט זייער פּרייז. זייער אַטעליע־פענסטער איז תמיד אויפגעפּראַלט אויף דער גאַס, צו די באַזוכטע „הויכע קוואַרטאַלן", די מאָלער זענען באַזונדערס באַשאָנקען מיט אַ מין „קאָ־ניוקטור־געפיל", אַ צוגעשפּיצטן חוש פאַר די גיואַנסירטע געלט־געדרוישן פון דער מאָלער־בערזע. אַזעלכע זענען אויך פאַראַן. אין דער צייט ווען אַ'ליץ האָט אַ פּרייז און אַן עטיקעט. זיי זענען עלעגאַנט, פאָרנעם, מיט אַ היפּאָקריטישן סאַלאָנאָווע שמייכל אַרום זייער גיריק־מאַטעריאַליסטיש מויל. „סע לאַ ווי" זאָגן זיי. אפילו יענע, וואָס האָבן טאַלאַנט.

סוטין למשל, ווען אפילו ער איז שוין געווען אויף דער הויך פון רום, האָט אין זיין אַטעליע זיך אויסגעקליבן אַ ווינקל און דאָס ווינקל פאַרצוימט מיט אַ מין שטייג. דעם ווינקל האָט ער געמאָלן מיט ליידנשאַפט, מיט

פוריע, און מיט פיין; זיך געשאַפן א מין „גדר“, וואָס זאָל אים אָפּהיטן באַשיצן פון דער שטרויכלונג — אין דער לויערנדיקער געפאַר פון באַוועמלעכקייט און סטיליזירטער פלאַכקייט.

פ. קרעמען ווינט אזוי פאַראיינזאַמט אין זיין אַטעליע אויף רי פראַנסואַ זשילבערט, אין שכינות פון רי פּלאַטאָן, און אויב ער איז דאָ נישטאָ איז ער ערגעץ ווו „נאָך העכער“ אין די בערג פון די אָריענטאַלישע פּירענעיען, אינעם שטעטל סערע.

ווען איך בין צו אים אריינגעקומען אומגעריכטערהייט, איז ער, א קליינער, געשטאַנען אין מיטן פון זיין אַטעליע, ביים גרויסן אויוון וועמענס צודעק איז געווען צעעפנט, ווי שוואַרצע פליגל.

אויפן דיל, אַרום דעם מאָל-שטענדער, וואָס איז ווי אַן עמוד פון אַ פאַרלאָזענער שול, ליגן מאָל-פּאָליטרעס, מיט פאַרטרוקנטע פאַרבן, ווי פאַרברענטע ערד.

אַלץ איז איינגעהילט אין אַ גרויען קאָלאָריט פון וועלכן עס שיינט אַרויס מיט אַ גרעלער טאָן-ליכטיקייט, אַ פאַרב פון אַ בלומען-וואַזאָן, פון אַ באַבלימלטן שבתדיקן אויבסט-טעלער, און קריגלעך פול מיט פענדזלען ווי דאַרע צווייגלעך.

— זעצט אייך — זאָגט צו מיר קרעמען, נאָך האַלטנדיק אַרומגענומען מיט זיינע הענט דעם אויוון, ווי אַ באַשיצער.

זיין פּנים איז ווי פאַרהאַקט. אַלץ אין אים איז עפּעס פאַרמאַכט, ווי שווערע לאָדנס, וואָס שיצן די דלד אמות פאַרן אומדיסקרעטן דרויסן און פון דער וואָכעדיקייט. זיין פּנים איז צערונצלט מיט זיג-זאַגיקע קנייטשן אַרום שאַרפן און שמאָלן מויל-שניט שאָטענען זיך געלבלעכע דינע וואָנסעס. פון זיין מאַטן ראָזעווען פּנים בליצן זיינע פאַרזשמורעטטע אויגן, שאַרף, דורכדרינגענדיק.

— זיצט — לאַדנט ער איין זיין גאַסט, הגם קרעמען ווערט באַטראַכט ווי דער „אנפאַן טעריבל“ פון מאָנפּאַרנאַס.

פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל שטולן צו קרעמענען? שטולן, פאָטעלן, אַלטאַנע רו-בענקלעך, מיט אָפּגעבלאַקעוועטן, פון מאָלן, צעפּרעסענעם פּליוש, געפלאָכטענע שטולן מיט ראַפּיאַ, מיט אַלטן לעדער, ברוינע, געלע, שוואַרצע... אין אַלע ווינקעלעך פול מיט שטולן..

איך דערמאָן זיך אַ פּיעסע פון אַ רומעניש-פראַנצויזישן שרייבער, יאָנעסקאָ, וואָס הייסט: „די שטולן“. דאָרטן וואַרט אַן איינזאַמער מענטש אין זיין שטוב פול מיט שטולן, זיין גאַנץ לעבן אויף געסט... אויף געסט, וואָס קומען נישט...

ניין, די אַנאַלאָגיע איז נישט דורכאויס צוגעפּאַסט.. אָבער אויף די בלערליי שטולן, איינער נישט ענלעך אויפן צווייטן, זיצן דאַכט זיך, שאָטנס פון די געוועזענע איינוווינער פון קרעמענס שטעטל, פון זיין שטוב און אפשר די בעל-הבתים פון זאַלודאָקער און וואלפער שול, ווו קרעמען איז אַמאָל געווען אַ משורר ביי אַ חזן...

בלויז די שוואַרצע פּיאַנאָ, צווישן דעם שטולן-לאַבירינט, איז פאַרהאַקט מיט זיינע פאַרשטומטע חזנישע ניגונים...

אָבער אויף די ווענט הענגען, דערפאַר, קרעמענס בילדער, וואָס זענען איינגעאַרטיקע מאָלערישע געזאַנגען פון אַ לירישער נאָטורן-אַרטיקער מעלאָדישקייט. זייער קאָלאָריסטישער לייט-מאָטיוו וויברירט, ווי אַן איינהייטלעכער און קעגנזייטיקער אָפּקלאַנג.

„די נאַטור איז מיין גאָט“ — זאָגט קרעמען. און דאָס וואָס ער זאָגט איז דורכגעפילט, דורכגעווייטיקט. ער זאָגט אויך, אַז „די מאָלעריי איז ווי אַ שיינע פרוי, וועלכע מיר יאָגן זיך נאָך איר דאָס גאַנצע לעבן אין אונדזער ליבע-שגעון און ווער ווייסט צי מיר וועלן זי אַמאָל אַרומנעמען“...

אין אַלע זיינע בילדער אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט פון זיין מאָלערישער שאַפונג, ציט זיך אַדורך ווי אַ רויטער פאָדעם דער שפּעט-האַרבסטיקער מאָטיוו, וואָס טראָגט זיין פאַרביקייט-שלל, פאַרמאָגט ער אָבער אין זיך אַ מין נאָסטאַלגישן שלוכץ. די שיינע לאַנדשאַפטן, צי דער זאַפטיקער און צייטיקער פרויען-קערפּער, צי דאָס יונג בלוטיקע מענטשלעכע פּנים, זענען תמיד ביי אים דורכגעפלאָכטן מיט אַ מין רויט-ראָסטיקער פאַטין פון מעלאַנכאָליע.

פאַר קרעמענען, דעם פאַנטעאיסט און שפּינאָזיסט, אין דער מאָלעריי, פאַר וועלכן די נאַטור איז „גאָט“, איז די נאַטור דאָס פּנים, די רעאַליטעט, נישט קיין גלאַטער פרעסק, פון אַ האַרמאָנישער אידילישקייט. דער פאַרבן-פלעק איז אויך נישט איינהייטלעך, אַזוי גוט ווי ביי די אימפּרעסיאָניסטן, נאָר אַ קאָנגלאָמעראַט פון ניואַנסן און קאָלאָריט-קעמערלעך. דער הימל

איז קיינמאָל נישט ביי אים אידיליש בלוי, נאָר דורכגעפּלאָכטן מיט גרינע, רויטלעכע און פּיאָלעטע פאַרבן־אָדערן. די ליכט וואָס נעמט אַרום אַלע אַספּעקטן און קאָנקרעטיזירט זי, שימערירט ביי אים מיט אַ רייכער און ניואַנסירטער פאַרבן־סימפאָניע, נישט ווי למשל ביי סעראָ, נאָר דורכגעקריצט מיט וויברירנדיקע און סענסיטיווע פאַרבן־נערוון...

זיין מאָלעריי, וועלכע איז פון אַ באַזונדערן בין־השמשות־קאָלאָריט, גיט אונז נישט איבער דעם אויסערלעכן אַספּעקט פון די זאַכן, נאָר דעם ליידנדיקן נשמה־צושטאַנד.

אויך זיין צייכנערישע ליניע פאַרמאָגט די געפילפולקייט און אומרו־איקייט, וואָס באַצווינגט די פאָרמען און דערפירט זיי צו ענדגילטיקער קאָמפּאָזיציאָנעלער לייזונג.

דאָס זעט מען אין זיינע פּאָרטרעטן, שטיל־לעבנס, אין פּייזאַזשן פון דער פראַנצויזישער ערד. אומעטום אַ שלל פון זיינע אַ ביסל געדעמפּטע טענער. אין זיינע בילדער מאַניפעסטירט ער שטענדיק זיין מאָלערישן לי־ריזם, וואָס איז באַהויכט מיט אַ געווויסער דראַמאַטישקייט.

בלויז זיין גאָר לעצטער פּעריאָד אפשר, פאַרמאָגט מער אַנטשפּאַנונג, רואיקייט אפשר, מער אידילישקייט. דערויף זאָגן עדות די בילדער־געמאָלן אין צפת (ישראל). עס פילט זיך אין די לעצטע בילדער וויניקער „קאַמף“ און מער פרידן...

★

קרעמענס נאַטור עטעמט אָפּ לייכטער, אפשר ער אַליין אויך. ער האָט זעט אוים די „מאָלערישע שיינע פרוי“ ענדגילטיק דערוואָרבן.

קרעמענס שטוב אין שטעטל זאַלודאַק איז געווען אַן אָרעמע, אָבער אַ בכבודיקע. אַ יידישע שטוב, פול מיט קינדער. דער שווערסטער פּראָבלעם צו לייזן איז געווען חיונה — האָט דער טאַטע, וואָס איז געווען אַ למדן, אַ ביסל אונטערגעקנעלט; די קינדער האָבן געמאַכט עפּל־קוואַס. איין זון האָט געשטרעבט צו ווערן אַ חזן, און אויך פּנחס קרעמען האָט אַ געוויסע צייט געפּרוווט צו ווערן אַ משורר.

ווי אַזוי קרעמען האָט באַקומען די ערשטע אַנטוויקלונג פון זיין מאָלערישן קינסטלערישן באַגריף, איז שווער צו דערקלערן. דאָס געהערט צו דער סדרה פון יידישע ניסים.

דאָס צוגרייטן דעם קוואַס און אַנדערע דערפרישנדיקע געטראַנקען אין קרעמענס שטוב איז באַגלייט געווען מיט חזנישע „שטיקלעך“ אויף אַזוי ווייט, אַז איינער פון פּנחס קרעמענס ברודער, איז געווען דורכגעדרונגען מיט הוילע מוזיק און נגונים, וועלכע ער האָט געפּרוווט אויסדריקן נישט בלויז מיט זיין קול, נאָר אויך דורך אַן אינסטרומענט — אַ פידעלע. פון די "קוואַס־פאַרדינסטן" איז נישט מעגלעך געווען צו קויפן אַ פידל, איז בלויז געבליבן דער אויסוועג, אַליין צונויפצושטעלן אַ פידל.

און פּנחס קרעמען דערציילט מיט אַ סך סענטימענט דעם עפּיזאָד. עס דאַכט זיך אויס, אַז די פּרימיטיווע פאָלקסטימלעכע מעלאָדיעס, וועלכע זיין ברודער האָט אויסגעשפּילט אויף דעם „זאַלודאקער סטראַדיוואַריוס“ קלינגען נאָך היינט אין זיינע אויערן. זייענדיק אין ישראל, איז ער געווען ביים שרייבער און דראַמאַטורג דוד פּינסקי, וואָס איז געווען זיין ברודערס אַ חבר, און ער האָט מיט אים גערעדט וועגן זיין ברודער, דעם נישט־דערגאַנגענעם ווירטואָז...

קרעמען האָט פיינט קאָנצעסיעס, דאָס זעלבע פאַרלאַנגט ער פון אַנדערע. וועגן זיין טאַטן זאָגט קרעמען, נישט אָן שטאָלץ און רעספּעקט, אַז „ער איז געווען אַ האַרבער און שטרענגער ייד, אָבער אַן ערלעכער“.

זאָגט ער טאַקע: „דער יידישער מאָלער, איז ווי אַ יתום אָן טאַטע־מאַמע“, ווייל:

— ביי יידן האָט מען זיך ליב צו באַנוצן מיטן מאָלער ווי נאָר מען דאַרף געלט פאַר אַן אינסטיטוציע, פאַר געוויסע צוועקן. דעמאָלט דערמאָנט מען זיך, אַז עס זענען פאַראַן יידישע מאָלער אין פּאַריז, און מען לויפט צו זיי נעמען אַ בילד אויסצופלעטן פאַר אַ „וווילטעטיקן צוועק“, אָבער ווען די „ליציטאַציע“ איז אַדורך, פאַרגעסט מען אין יידישן מאָלער. מען האָט נישט ליב ביי אונז די קונסט לשמה, נאָר צוליב ספּעציעלע דרויסנדיקע אָפּקלאַנגען. מען מאַכט אויסשטעלונגען פון יידישע מאָלער אין פּאַריז, אָבער דאָס האָט מיטן יידישן מאָלער, מיט דער קונסט קיין שום שייכות נישט.

— צי מיינט איר, קרעמען, דערמיט צו זאָגן, אַז יידן האָבן נישט קיין זין פאַר קונסט?

— ניין, פאַראַן אַ סך יידן, וואָס האָבן ליב די קונסט, ווי דאָס קאָן

קרעמען — שטיל-לעבן

קאָלעקציע פון ד״ר מילער



קרעמעז — נאַקעטע פרוי

מען זייער אָפּט קאָנסטאַטירן. אַזוי למשל, האָב איך געקענט פעסטשטעלן אין ישראל, אין די קיבוצים, א גרויסן אינטערעס פאַר קונסט, דאָרטן ווו עס זענען נישט פאַראַן קיין אָריגינאַלן, הענגען אויף די ווענט רעפּראָ-דוקציעס פון בילדער. די אויסשטעלונגען ווערן באַזוכט אין די טויזנטער. צום באַדויערן, זעט מען נישט דעם זעלבן התלהבות ביי אונדז, זיכער זע-נען פאַראַן קונסט-ליבהאָבער, אָבער... זיי זוכן מער דעם נאָמען.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן דער יידישער מאָלעריי?

— אויב אַ יידישער קינסטלער איז אייגנאַרטיק און האָט וואָס צו זאָגן, איז אין זיין מאָלעריי פאַראַן א יידישער חותם, אויב נישט, איז עס בכלל נישט קיין קונסט.

יידישע גרויסע קינסטלער גיבן אריין אייגנאַרט אין זייערע ווערק, אפילו אין דעם וויטן פון יידישן לעבן, שווערן, איז געווען א יידישער מאָלער, יאַקאָבסאָן, און פונדעסטוועגן דערקאָנט מען אין זיינע בילדער א יידישן טעמפעראַמענט און יידישע ליריק.

— צי האָט אייך אייער שטעטל זאַלודאָק באַאיינפלוסט?

— די טעמאַטיק, אין דער מאָלעריי, איז פון א צווייטראַנגיקער באַ-דייטונג. נישט וויכטיק איז דער בויג פון אַ נאָז. דער עיקר איז די יידישע נשמה, וואָס דאַרף אויסשטראַלן פון קונסט-בילד.

— איר ווערט באַצייכנט ווי אַ מיטבויער פון דער מאָלערישער שיטה וואָס רופט זיך: „עקאָל די פּאַרי״ — „פּאַריזער שולע״.

— „עקאָל די פּאַרי״ — רייסט מיר איבער קרעמען — דאָס זענען אויסגעטראַכטע ווערטער, מעשיות, ווייל מען דאַרף דאָך קלאַסיפיצירן, געבן אַ נאָמען. אַזוי גוט ווי מען האָט געשאַפן דאָס וואָרט „אימפּרעסיאָ-ניזם״ א. א. וו. מיט דער עצם מאָלעריי האָט עס לחלוטין נישט צו טאָן.

— וועלכע מאָלער זענען אייך אַמנאָענסטן פון די, אַזוי גערופענע מאָדערנע?

— סעזאַן, באָנאַר, פּיסאַראָ, גאָגע, אוטרילאָ.

— און וואַן גאָג?

— וואַן גאָג איז לויט מיר נישט געווען צופיל „צערעבראַל״ (אויס-געמוטשט), ער האָט געשאַפן צופיל טעאָריעס, איך האָב באַזונדערס ליב

זיינע בילדער, וועלכע ער האָט געמאָלן אין האָלאַנד, און שליסלעך האָט ער ווייניק געלעבט.

— וואָס טראַכט איר וועגן פּיקאַסאָס מאָלערייען?

— פּיקאַסאָ?

ארום זיינע מויל-ווינקלען באַווייזט זיך אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע.

— פּיקאַסאָ, האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט און האָט גאָרנישט געפונען... דערפאַר זיין אייביקער וואַרפן זיך, בייטן און ענדערן. אין דער אמתן גילט פאַר אַלע דער אמת: אָדער מען האָט, אָדער מען האָט נישט. אַלץ איבעריקע איז מאָלערישע סכאָלאַסטיק. איך קען אַ מאָלער וועלכער האָט גאָרנישט געזוכט און דאָך האָט ער געפונען... ער הייסט אוטרילאָ.

— וויפל בילדער האָט איר געמאָלן זייט אייער קומען נאָך פאַריז אין 1912?

— איך האָב הונדערטער און הונדערטער בילדער. צום באַדויערן ווייס איך נישט וו זיי געפינען זיך. אַ טייל געפינט זיך אין פריוואַטע קאָלעקציעס, אַ טייל אין מוזעאומס ווי טולוז, סערע, תל-אביב און בצלאל-מוזעאום א. א.

אַמאָל האָבן בילדער ווייניקער געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד ווי איצטער היינט באַקומען „שנעלע פיס“.

— וואָסערע מאָטיוון האָט איר ליב צו מאָלן?

— די מאָטיוון שפּילן נישט קיין ראָל. אין דער מאָלעריי איז גילטיק מער דער „ווי אַזוי“ ווי דער „וואָס“.

— ווי לאַנג מאָלט איר אַ בילד?

— אויף דערויף איז שווער צו ענטפערן. אַלענפאַלס איך געהער נישט צו די שנעל-מאָלער. דאָס מינדסטע בילד דויערט ביי מיר נישט ווייניקער ווי א וואָך אַרבעט.

— ווי זייט איר געווען בעת די אָקופּאַציע-יאָרן?

— די אָקופּאַציע-יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין קאָרעז. און איך מוז זאָגן אַז די באַפעלקערונג האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט אַ זעלטענער מענטשלעכקייט. אָפּגעשניטן פון דער וועלט, פון פריינט, פון מיינע קאָ-

לעקציאָנערן און קליענטן, האָב איך פּאָרט געקענט מער וויניקער לעבן און מען האָט ביי מיר געקויפט בילדער (ווי למשל דער פּרעפעקט פון טולוז) הגם מען האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד.

— וואָס טראַכט איר איבער די יידישע יונגע קינסטלער דאָ ביי אונז און אין ארץ ישראל?

— וואָס איך האָב באַמערקט זייענדיק אין ישראל, וועלכע פאַרמאָגט אַ ווונדערבאַרע מאָלערישע לאַנדשאַפט, איז דאָס, אַז די דאָרטיקע מאָלער האָבן זיך נאָך מאָלעריש נישט איינגעביסן אין דעם ספּעציפישן פּייזאַזש. עס פעלט אייגנאַרט, זיי בלאָנדזשען אויף פרעמדע וועגן און זוכן צו אי־מיטירן, און דאָס איז צום באַדויערן.

פאַרן פאַרלאָזן קרעמענס אַטעליע, וואָרף איך נאָך אַ בליק אויף דעם גרויען, פאַראייַנזאַמטן און צוגלייך אַזוי רייכן אַרום.

אויף די הויכע ווענט הענגען בילדער פון פאַרשידענע צייטן און פּע־ריאָדן. זיי אַלע שיינען מיט דער זעלבער גאַמע פון אויפריכטיקן געפיל, אין זיי שלענגל זיך דער זעלבער צייכנערישער כתב יד אין וועלכן עס ציקלט זיך אַן אַלטער זאַלודאָקער ניגון.

*

וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּנחס קרעמען איז אַ זעלטענע געטריישאַפט און אויסגעהאַלטנקייט צו זיין מאָלערישער וויזיע. די ביל־דער, וועלכע ער האָט געמאָלן מיט 40 יאָר צוריק, און די בילדער געמאָלן לעצטנס, זיינען דורכגעדרונגען מיט דער זעלבער אייגנאַרט און פּערזענ־לעכן חותם. דאָ און דאָרט קען מען באַמערקן אַ געוויסע ענדערונג אין דער פאַרב־גאַמע, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ טיפערן דראַמאַטישן קאָ־לאָריט און אַ שטאַרקערע אינטענסיוויטעט, אָבער סיי די צייכענונג, די הערמעטישקייט פון זיין כתב־יד און סענסיביליטעט ליגן נישט אונטער קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען. קרעמען איז אויף אַ ווײַלע נישט אָפּגעטראָטן פון זיין אופן, הגם ער האָט געלעבט אין דעם פּעריאָד פון פּלאַסטישע רעוואָלוציעס און כלערליי איזמען, וואָס האָבן אַ סך קינסטלער אַוועק־געפירט אויף וועגן פון לייכטסטן ווידערשטאַנד.

מאַרק שאַגאַל

סאַן פאָל דע וואַנס, איז פאַר דער מלחמה געווען אַ רואיק־פרידלעך פראַנצייזיש שטעטל פון „קאָט ד׳אַזיר. פון צייט צו צייט פלעגן דאָ אַהער־קומען מאָלער פון פּאַריז, צוליב דער שיינקייט פון דעם מיטלאַלטער־שטעטל, וואָס איז געבויט ווי אַ פעסטונג אויף אַ שפּיץ באַרג. היינט איז סאַן פאָל דע וואַנס געוואָרן אַ טוריסטן־צענטער, אַ „פעסטונג" פון די „מאָדערנע שטרעבונגען" און.... סנאָביזם.

דאָס שטעטל וואַנס, וואָס געפינט זיך צופוסנס פון סאַן פאָל, זעט אויס ווי אַ גאָרטן דער הימל אי זדאָ כמעט תמיד בלוי, די לופט אָפּפרישנ־דיקע פון מיטללענדישן ים. דאָס שטעטל, פול מיט רויש פון פאָנטאַנען, מיט די מאָלערישע פלעצער, געערטנער און העל־ראָזאָווע הייזקעס — זעט אויס ווי ס׳וואָלט דאָ תמיד געהערשט אַ יום־טוב.

מאַרק שאַגאַל, האָט דאָ אויסגעקליבן זיין רעזידענץ. זיין אַדרעס האָב איך נישט געקענט. אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. די ערשטע בעסטע איינ־וווינער ווייזן אָן ווו עס וווינט דער מייסטער, און זיי זענען דערפון שטאָלץ, ווי זיי זענען שטאָלץ מיט דער „שאַפּעל", וואָס מאַטיס האָט פּראָיעקטירט און אויסגעמאָלן.

שאַגאַלס ווילע ליגט אַ ביסל דערווייטערט פון שטעטל, צווישן ווייַנ־

גערטנער און סעדער. לעבן דעם דאַטשע־הויז איז פאַראַן אַ נעבן־געביי־דע. ווו עס געפינט זיך שאַגאַלס אַטעליע.

ווען איך בין אַריינגעקומען איז שאַגאַל געווען אין זיין אַטעליע.

שטיקער זון פאַלן אַריין דורך די ברייט צעעפנטע פענצטער און באַ־גיסן מיט ליכט די דילן, אַרויסהייבנדיק די בונטקייט פון די בלומען, וואָס געפינען זיך דאָ אין אַלע ווינקעלעך. פון די ווענט לייכטן אַראָפּ שאַגאַלס בילדער (אַ לוקסוס, אויף וועלכן בלויז שאַגאַל קאָן זיך דערלויבן!) און שאַפן דעם ספּעציפישן שאַגאַלישן קלימאַט, וואָס באַשטייט פון וויזיע און ווירקלעכקייט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך באַקענט מיט שאַגאַלס בילדער אין יאָר 1923, אין בערלין, אין דער גאַלעריע שטורעם פון וואַלדען. דעמאָלט האָט מיך געהאַט באַהערשט אַ מאָדנער געפיל: די אייגנאַרטיקע שאַגאַ־לישע וועלט דעראָבערט מען נישט מיט אַמאָל, זיין פאַנטאַסטישע מאָלערי־שע וויזיע אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז גראַדועלמעסיק, אָבער וואָס עס אײ־בעררעשט, דרינגט אין אונדז אַריין און דערפרייט אונדזער אויג און נשמה — איז די שפע פון אינטענסיוויטעט און וואַרעמקייט פון זיינע קאָ־לירן.

אויף יענער אויסשטעלונג האָב איך צווישן אַ סך אַנדערע ווערק גע־זען צום ערשטן מאָל דאָס בילד „איך און דאָס דאָרף״, ווו שאַגאַל האָט גע־מאָלן זיין פּנים אין אַ גרינער לאַנקע־קאָליר. זיין פאַרוווּנדערט און מיט בלוי פאַרשיכורט אויג נעמט אַרום די לאַנדשאַפט. די הייזקעס שטייען אויף זייערע קעפּ־דעכער ווי קונצן־מאַכער און אין מיטן פון דאָרף שטייט פאַרגאַפט אַ ווייס קאַלב און געגעצט. דער מאָלער אַליין האַלט אין זיין האַנט אַ פעלד־בלימל, אַ פאַנטאַסטישע בלום, וואָס בליט אין זיין האַנט.

היינט איז פון דער שאַגאַלישער פאַנטאַסטישער בלום געוואָרן אַ וווּנ־דערבאַרער בוקעט, אַ פאַרכישופטער גאָרטן. היינט ווען איך טרעף זיך ייִדער אָן „אויג אויף אויג״ מיט דער מאָלערישער וויזיע פון מאַרק שאַ־גאַל, דערפיל איך נאָך שטאַרקער און אינטענסיווער איר מיסטישן כוח, איר מאָלערישן און יידישן מעסאַזש. זיי באַצווינגען דיך נישט־וויסנדיק אויף קלאָר זייער אמתע אויסטייטשונג.

זייענדיק אוניווערסאַל איז שאַגאַל, לויט מיר, דער יידישיסטער

מאָלער וואָס מיר האָבן ביז איצט געהאַט. זיין יידישער מהות דריקט זיך אויס נישט בלויז אין זיין טעמאַטיק, נאָר דער עיקר — אינעם אופן. מיט שאַגאַלן הייבט זיך אָן דער „אלף בית" פון דער יידישער קונסט. ער אַנט־פּלעקט אונדז דאָס, וואָס עס איז באַהאַלטן געוועז אין משך פון יאָרהונ־דערטער אין דער נשמה פון נישט אַנטפּלעקטע יידישע קינסטלער. דער־פאַר אָפּט — דאָס „אומפאַרשטענדלעכע" און אויסטערלישע אין זיינע בילדער. אונדז פעלט די גייסטיקע פּערספּעקטיוו, דער מיסטעריעזער שליסל צו זיין מאָלערישער וועלט, וואָס איז ווי אַ סינטעז, אַ פאַרווירקלע־כונג פון דורות־לאַנגע פאָלקס־חלומות און נאָסטאַלגיע. די עטאַפּן, וואָס פעלן אונדז אין דער מאָלעריי, פאַרווירקלעכט שאַגאַל: פון דעם פּרימי־טיוויזם פון אַ דזשיאַטאַ, מיט זיין גראָדער און אויפריכטיקער פּאַעטישער פּשטות און דירעקטקייט; דעם רענעסאַנס מיט זיין פּערפּעקציע און איי־דעאַליזירונג פון דער ווירקלעכקייט, הן אין איר פאָרם און הן אין איר פאַרב — דער ראָמאַנטיזם מיט זיין פּעקאָסישער פאַנטאַזיע, ביז צו דער היינצייטיקער מאָלעריי מיט איר רעוואָלט, פאַרבן־און פאָרם־רייכקייט, מיט דער אוממיטלבאַרקייט פון פילן און פרייער אינטערפּרעטירונג. וואָלט שאַ־גאַל נישט געווען קיין מאָלער וואָלט ער זיכער געווען אַ גרויסער יידישער פּאָעט.

★

אין טיר באַווייזט זיך שאַגאַל אין אַ געשטרייפטן וואָלענעם העמד. איך זאָג:

— אַנטשולדיקט מייסטער, וואָס איך קום אָן אומגעבעטענער גאַסט. און וועל אייך שטערן.

— עס מאַכט נישט, פאַרקערט.

אַ ליבלעכער שמייכל פאַרטיפט זיך אין די פאַלדן אַרום זיין מויל. זיינע אויגן פאַרמאָגן די זעלבע העלקייט און דורכדרינגלעכקייט פון העל־זעער און פאַרליבטע. אונטערן פענצטער שפּילט זיך זיין יינגל מיט בלו־מען אין זאַמד.

אַ געוויסע צייט רעדן מיר איבער קונסט. שאַגאַל פרעגט זיך אויס ביי מיר וועגן דעם לעבן און שאַפן פון יידישע מאָלער אין פּאַריז. ער ווייזט מיר די וווּנדערבאַרע ליטאָגראַפיעס, גואַשן און ראַדירונגען, אינס־פּירירט פון דער ביבל. זיינע ביבלישע געשטאַלטן זענען אַזוי היימיש און



מאַרק שאַגאַל — דער זייגער

מאַרק שאַגאַל — רויזן און מימאָזאַ

מענטשלעך ווי די אַמאָליקע יידן פון וויטעבסק. מען זעט, אַז די צייט און די תקופות שפּילן נישט פאַר אים קיין ראָלע. דער נעכטן לעבט אין זיין היינט, זיין היינט אין דעם נעכטן, זיי זענען אויך דער יסוד פון מאָרגן.

★

איך פרעג: קוקנדיק אויף אייערע בילדער אין לויף פון יאָרן, דער־פיל איך אין זיי, מער ווי ביי אַנדערע מאָלער, אייער יידישן מאָלערישן מעסאַזש. צי איז פאַראַן, לויט אייך, אַ יידישע מאָלעריי?

שאַגאַל: אויב די מאָלעריי פון אַ יידישן קינסטלער איז אויטענטיש, עכט און אמתדיק, איז זי אַ יידישע מאָלעריי. עס איז אָבער גוט, אין פלוג און באַזונדערס אין אונדזער צייט, צו וויסן, ווו עס ענדיקט זיך די עכט־קייט און עס הייבט זיך אָן דאָס געקינצלטע („אַרטיפיסיעלע”). אַלנפאַלס איז דורכויס וויכטיק צו זוכן דעם אמת, ווייל אין אים ליגט דער שליסל פון איטלעכער נאַציאָנאַלער קונסט.

פראַגע: צי זענען פאַראַן יידישע מאָמענטן, אַ יידישער גייסט אין דער מאָלעריי פון אַ פּיסאַראָ, מאָדיליאַני, סוטין, פּאַסקין און אַנדערע יידי־שע מאָלער?

שאַגאַל: עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל. אויף ווי ווייט עס איז עכט די מאָלעריי פון פּיסאַרא, מאָדיליאַני, סוטין און פּאַסקין (און איך צווייפל נישט) — אויף אַזוי פיל זענען זיי אויך יידישלעך. עס איז מעג־לעך, אַז דער „יידישער גייסט” אין זייערע בילדער וואָלט אפשר געקומען מער צום אויסדרוק. וואָלט געווען עכטער, ווען זיי וואָלטן, אויף אַזאַ צי אַן אַנדערן אופן, געווען נענטער צו דער נשמה פון זייער פאָלק, זיין באַ־ווּסטזיין, האַרץ און חלומות, ווען זיי וואָלטן געלעבט מער יידישלעכער (און דאָס נישט בלויז פאָרמעל), ווייל דער תוך, די גאַנצקייט, איז דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער קונסט.

פראַגע: וואָסערע איז אייער מיינונג איבער דער אַזוי גערופענער „אַנגאַזשירטע” קונסט, (טענדעציעז פאַראינטערעסירט) און איבער דעם „סאָציאַלן רעאַליזם”?

שאַגאַל: אַ קינסטלער, אַן אמתער איז תמיד „אַנגאַזשירט” מיט לייב און לעבן און דערפאַר איז ער אויף זיין אָרט „רעאַליסטיש” און (אפילו „סאָציאַל־רעאַליסטיש”, אַ חוץ די קינסטלער, וואָס פאַלן אַרונטער אַ „באַ־

פעל״, אַ צייטלעכער קאָניוקטור און טעאָריעס· אין פּרינציפּ דאַרף מען זיין ״אַנגאַזשירט״ פאַר דעם מענטשלעכן אידעאַל, וואָס איז דרך אגב פּראָקלאַמירט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אויף די לוחות פון משה רבינו.

זיין „אַנגאַזשירט״ פאַר אַזאַ קונסט און אַ יושרדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן איז דער ציל, דער אידעאַל פון יעדן אויטענטישן קינסטלער און מענטש, אָבער דער וועג דאַרף זיין אַ מאָראַליש ריינער. מען דאַרף דערגרייכן דעם ציל אָן בלוט פאַרגיסונג פון מיליאָנען מענטשן, און פאַרניכטונג און געוואַלטטאַקטן, וואָס ווערן באַרעכטיקט כלומרשט, כדי די שפּעטערדיקע דורות זאָלן קענען לעבן.

עס איז אַ פאַרברעכן אָפּצונעמען ביי מיליאָנען זייער לעבן, ביי טויזנטער זייער פרייהייט צום שאַפן כדי אַנדערע, אַזוי צו זאָגן, זאָלן האָבן אָט די ביי אונדז צוגערויבטע פרייהייט· שליסלעך קאָן מען גאָרנישט עכטס און דויערהאַפטיקס שאַפן אויף אַזאַ היפּאָקריטישער באַזע, און אויב יאָ, וועלן דאָס בלויז זיין פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַקאַטן און פּוסטע פּסיידאָ־היסטאָרישע אַרכיוו־דאָקומענטן, דערפאַר איז, לויט מיר, דער מין קונסט אַנגאַזשירונג און דער מין פּאָליטישער סאָציאַל־רעאַליזם נישט מער ווי אַ בלענדונג, אַן אָפּנאַרעריי.

גאָיאַ, דאָמיע, קורבע, האָבן אויסגעדריקט דעם סאָציאַלן אמת אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן· אָן דאָגמעס און אָן טעאָריעס, כאָטש קורבע האָט נאַאיוו פּראָקלאַמירט אַ מאַניפעסט פאַר זיין קינסטלערישן נאַטוראַליזם.

ברויגל און זשעראָם באָש זענען אויך „סאָציאַלע רעאַליסטן״, אָבער אָן דיקטאַט פון אויבן· די בעסטע בילדער, די וואָס זענען „אַרויסגעריסן״ פון האַרצן זענען אין תוך רעאַליסטישע און ממילא סאָציאַל·

פראַגע: די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק, פון יידיש־רוסישן שטעטל, אייער וויטעבסק, ווערט אָפּט סימבאָליזירט אין אייערע לעצטע בילדער אין דער געשטאַלט פון אַ געקרייציקטן יידן (כריסטוס) אין אַ טלית· צי דאַרפן מיר אין דעם זען אַ געוויסן סינטעז צווישן יודאַאיזם און קריסטנטום אויסגעדריקט אין אַ מאָלערישער שפּראַך?

שאַגאַל: דאָס געשטאַלט פון כריסטוסן אין מיינע בילדער נאָך פון 1911 און ספּעציעל אין די לעצטע, איז ביי מיר אַן אויסדרוק, אַ סימבאָל

פון יידישן און מענטשלעכן צער, פּיין און אומרעכט, וואָס איז אין אים און גורם געווען דורך אים. איך האָב אפשר געקענט מאָלן אַן אַנדערן יידישן נביא, ווי איך האָב עס געטון אין מיין ביבל, אָבער די מענטשהייט פאַר די צוויי טויזנט יאָר, האָט זיך „צוגעבונדן" אַ דאַנק דער דערציאונג, צו דער געשטאַלט און איר לעגענדע. פאַר מיר, אַ ייד איז פּיל „לייכטער" און אפילו זעלבסט פאַרשטענדלעכער צו ווייזן דער וועלט אונדזער ווייטיק, נשמה־צושטאַנד און אונדזער קינסטלערישן און מענטשלעכן אמת. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס דער מין בילדער ווירקט זייער שטאַרק גראָד אויף די קריסטן.

פאַר מיר פערזענלעך איז דאָס געשטאַלט פון כריסטוסן אַ מין יונ־גערער נביא אין דער פלעיאַדע פון אונדזערע גרויסע נביאים, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן: מענטשלעכע און רעליגיעזע. קלאָר, אַז איך בין נישט אויסן צו שאַפן דעם מינדסטן „סינטעז" צווישן יודאַאיזם און דעם קריסטנטום.

פראַגע: צי איז מעגלעך די אַנטשטייאונג אין ישראל פון אַ ספּעצי־פישער יידישער קונסט אָן „גלות־מאָטיוון"?

שאַגאַל: אָביעקטיוו גענומען איז נישטאָ פאַראַן קיין שום שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ קונסט אין וואָסער לאַנד עס זאָל נישט זיין, אויב עס זענען פאַראַן די פרייהייטלעכע און גייסטיקע פאַרבאַדינגונגען דערפאַר. זיכער איז מעגלעך אַ יידישע קונסט אין ישראל, כאָטש די לופט, דוכט מיר, איז דאָרט אַזאַ דורכזיכטיקע, כמעט „גראַפישע" ווי פון מיניאַ־טור אַמביאַנס.

וואָס הייסט „אָן גלות־מאָטיוון"? אין אונדזער גרויסער ביבל. דווידס תהילים, ביי די נביאים, און שפּעטער ביי די גרויסע קריסטלעכע מייסטער ווי מיקעל אַנזשעלאָ, גרעקאָ. טיציאַן, וואַן גאָג און דאָמיע זע־נען פאַראַן די אייביקע „גלות" מאָטיוון... אין זייער אוניווערסאַלן באַדייט.

דערמיט האָבן מיר פאַרענדיקט אונדזער שמועס. עס איז געוואָרן שפּעטלעך. איך בין אַוועק פון גרויסן יידישן קינסטלער מיט אַ סך איינ־דרוקן, וואָס אַ טייל נאָר פון זיי האָב איך זיך געטיילט מיט אייך.

פערלמאַן

ווען כ'האָב נאָכן פריצייטיקן טויט פון דעם סקולפּטאָר פּערעלמאַן, אים געזען אין טויטן שטיבל פון ראָטשילד שפּיטאָל, איז זיין פּאַרצערט און בלייך פּנים געווען ענלעך אויף די נביאים מאַסקעס פון זיינע סקולפּ־טורן.

גראָד ווי זיין קינסטלערישע פּערזענלעכקייט האָט געשוועבט איבער זיינע סקולפּטורן, וואָס האָבן אויך פאַרמאָגט די שלאַנקייט פון זיין גע־שטאַלט. היינט?

בלויז איין געשטאַלט פון זיינע נביאים, אָפּגעגאָסן אין בראָנז אַדאַנק אַ זאַמלונג צווישן יידישע קינסטלער, געפינט זיך איצטער אין בצאלל מו־זעום אין ירושלים. היינט אין דער פּערספּעקטיוו פון צייט לויטערט זיך ביי אונדז נאָך מער זיין פּערזענלעכקייט אין דער גרויער וואָכעדיקייט פון זייער האַרטער רעאַליטעט. ווייל פּערעלמאַן האָט געהערט צו דער פּלעיאַ־דע פון אויסדערוויילטע קינסטלער און מענטשן.

מיין באַזוך אין זיין אַטעליע (איינער פון צענדליקער), און דער עי־קר דער שמועס גיט, גלויב איך, אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין פּערזענלעכקייט.

★

אַ טריבער ווינטער־טאָג פאַרגרויט נאָך מער די אַלט־גרינע טיר פון זיין פּאַרטער־וווינונג, מיט פאַרמאַכטע לאָדנס. דער עלעקטרישער גלאָק אויף וועלכן איך קוועטש אויס מיין אָנוועזנהייט, ענטפערט מיט אַ שטו־

מער גלייכגילטיקייט, קלאַפּ איך אין טיר מיט דער פּויסט פּאַרצייטיק־מעסיק — ענדלעך עפנט זי זיך. דער סקולפּטאָר פּערעלמאַן מיט אַ פאַרוואָרפענעם מאַנטל:

„ביטע, ביטע קומט אַריינעט".

דער דרויסנדיקער גרויער ווינטער־טאָג איז ווי פאַרשוווּנדן, ווען איך בין אַריינגעקומען אין זיין אַטעליע. אַ העלע ווייסע ליכט האָט מיך פאַרבלענדט. זי האָט געשלאָגן נישט אַזוי פון דעם דאַך פענסטער, ווי פון די ווייסע סטאַטועס, וואָס פילן אויס כמעט די גאַנצע אַטעליע. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, ווי כ'וואָלט אַריינגעקומען אין אַ מין פאַרכישופטן וואַלד, אַ וואַלד מיט שטאַמיק־צעוואַקסענע ווייסע ביימער. זיי רייסן זיך צום הימל ווי צו יום־טובדיקע תפילות...

אויף דער וואַנט נעבן זיין שרייב־טיש הענגט צווישן די פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיעס פון זיין אומגעקומענער משפחה די געלע לאַטע, וועלכע ער האָט געטראָגן בעת די אָקופּאַציע־יאָרן, ווי אַן ערן־אָפּצייכענונג... אויפן טיש גופא איז פאַרבליבן דער פּאָרטרעט פון זיין געליבטער פרוי און טייערן פריינט, וואָס איז אַזוי יונג אַוועקגעריסן געוואָרן פון אים און פון דעם איינציקן טעכטערל אסיא... אויפן טיש ליגן אויך אַ סך בריוו אין וועלכע יידישע קינסטלער באַקלאָגן זיך פאַר אים אויף זייער גורל.

ער שטייט אַ גרויער טאָפּאָלן־הויכער ביי זיינע „ווייסע נביאים" און זיין אַסקעטיש־אַרטיק פּנים וואָס אַ קליין בערדל נעמט אַרום רציעה־מעסיק, לויכטן די אויגן מיט אַ וויזיאָנערישן גלאַנץ.

בעת ער רעדט פון זיין ווערק באַקומט זיין פּנים אַן עקסטאַטישן אויסדרוק און אין זיינע ווערטער וויברירט אַ האַרציק וואַרעמע נאָטע, ווי ביי אַ מאַמען, וועלכע לויבט אירע קינדער. בכלל איז ליבע און גלויבן דער מקור פון זיין וועזן.

אויפן אַרבעטס־טיש ליגט דער ספר פון זיין זיידן, זיינע פאַרגעלטע בלעטער זענען באַזייט מיט דריבנע אותיות ווי זוימען. האַרט נעבן זיינע צייכענונגען, וואָס זענען בלויז אַן אַנדער פאָרם פון גייסט, דער מקור איז דער זעלבער. אין זיינע סקולפּטורן איז פאַראַן די זעלבע באַגייסטערונג און בענקשאַפט, וואָס עס פאַרקערפּערן מיט זיך די נביאים, די וועלכע האָבן אינספּירירט זיין זיידן, דעם מינסקער גדול, און זיין טאַטן, דעם גאָראָדאָיער רב, און זיין פעטער שאַפּיראָ, דעם קאָוונער רב, און אים מרדכי פּערעלמאַן, דעם סקולפּטאָר.

אין יעדער אַטעליע פון אַ יידישן קינסטלער איז פול מיט יידישער בענקשאַפט, חלומות, ווונדער... און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, נאָר מיר דאַכט, אַז די יידישסטע שטובן אין פּאַריז, זענען די אַטעליעס פון די מאָנפּאַרנאַסער יידישע קינסטלער.

עס איז שווער צו מעסטן די קונסט מיט אַ נאַציאָנאַלן צענטימעטער, ווייל אמתע קונסט איז אַלמענטשלעך. פון אַלע קונסט־פאָרמען איז די פּלאַסטישע קונסט, די אוממיטלבאַרסטע „די אינטערנאַציאָנאַלסטע". כדי צו דערפילן די גרויסקייט פון אַ שעדעוור, באַדאַרף מען נישט קיין נאַציאָנאַלן ווערטערבוך.

די פּאַרהיסטאָרישע בופילאָקסן־צייכענונגען, למשל, אויסגעקריצטע מיט קיזל־שטיין אויף די שוואַרצע שטיינערנע ווענט פון אור־היילן, רופן אין אונדז אַרויס עמאָציעס און עסטעטישן גענוס; די עגיפּטישע, צי גריכישע סקולפּטורן צוגלייך ווי די שעדעוורן פון רענעסאַנס און די מייסטערווערק פון פראַנצויזישער מאַלעריי פון 19־טן י. ה.

דער איינציקער מאָסשטאַב און קען־צייכן איז די אויטענטישקייט, שלימות און גייסטיקע אָנגעלאָדנקייט פון די ווערק.

מרדכי פערעלמאַן איז דורכגעדרינגען מיט יידישקייט. ער היט זיך זיך אָפּ פון גוזמא און דרויסן — אין זין פון פרעמדקייט און וואָכעדיקייט. אמת, אַז פערעלמאַן האָט שטודירט אין דער בעלגישער קונסט־אַקאַדעמיע, און אין פּאַריז, אָבער אין די שולן לערנט מען בלויז די טעכניק, די מלאכה, וואָס איז אין דער קונסט מערער אַ הילפסמיטל צו אַנטפּלעקן די אינספּיראַציע און דעם פּאָעטישן אויפשטייג.

אַמאָל איז פערעלמאַן געווען אין זיין סקולפּטור צו פיל צופרידן. די אויסערלעכע קאָנטורן פון זיינע פיגורן ווי אויך זייערע פּלאַסטישע פלעכן, האָבן געעטעמט מיט אַ מין סיבאַריטיזם, די ליכט, וואָס איז אַ וויכטיקער עלעמענט פאַר דער סקולפּטור, האָט געשפּילט אויף זיי מיט אַ מין שבת־דיקער מנוחהדיקייט — און „גם זו לטובה" אָפּטימיזם...

צו דער תקופה געהערן זיינע פולבלוטיקע אָדער בעסער געזאָגט פולשטייניקע פּאָרטרעטן און פיגורן, וואָס פאַרמאָגן אַ מין קאַלטע סטיליזירונג. דאַקעגן — שימערט אין די סקולפּטורן וועלכע עס שטאַמען פון דער פאָלקסטימלעכער אינספּיראַציע קוואַל: די יידישע טיפּן פון גאָרעיע און אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

פערלמאן — דער נביא

ווערן אַ סקולפּטאָר ביי יידן, בפרט אין אַ רבנישער שטוב, איז נישט פון די גרינגע זאַכן, אָבער זייט מענדעלען און אַנדערע אידייאישע פאַר־גייער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די באַטשנע און בלאָטיקע וועגן פון יידישן אַלט־איינגעגראָבענעם תחום, האָט זיך פּלוצלינג אַ קערעווע גע־טאָן דאָס יידישע לעבן אויף ברייטערע מאָדערנע שליאַכן.

— ווי קומט עס, פרעג איך, אַז אַ זון פון אַ רב, אַן אייניקל פון אַ גאון, זאָל ווערן אַ סקולפּטאָר?

— איר מוזט וויסן — זאָגט פּערעלמאַן, און דערביי צעווייסט זיך אַ שורה ציין צווישן אַ שמייכל — אַז אונדזער שטוב איז ווייט נישט געווען קיין צוריקגעשטאַנע פרומע. אין די ספרים־שענקלעך אין אַ באַזונ־דערן אָרט, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך געפינען די ווערק פון געטע, שילער, טאָלסטאָי, גאָגאָל און דאָסטאָיעווסקי. מיין טאַטע ע״ה איז געווען אַ וועלט־לעכער מענטש און מיר, זיינע קינדער, האָבן באַזוכט די גימנאַזיע. עס איז געווען ביי אונדז אַ הויז... איי, איי, וואָסערע הויז! — אַ טריב וואָלקנדל פאַרטונקלען די ווערטער — אַ ווילע בלאַנדזשעט זיין מלדער בליק אויף דער פאַרגעלטער משפחה־פאָטאָגראַפיע, בלייבט הענגען מיט בענקשאַפט אויף דעם בשמים־ביקסל־טורעמל און פאַרהאַקט זיך ווייטיקלעך געפאַנגען פון דער געלער לאַטע...

— ווי אַזוי איז פאַרגעקומען אייער קינסטלערישער אָנהויב?

— עס איז אַ מעשה פון „טויזנט און איין נאַכט״. צו אונדז אין שטוב פלעגט קומען דער רעזשיסער פון יידישן טעאַטער, אַ געוויסער לובבעצ־קי. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט מיינע שניצערייען און האָט וועגן דעם געשריבן אין וואַרשעווער „מאָמענט״. דערויף האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען קיין וואַרשע. אַלץ צו דערציילן איז אוממעגלעך, איך זאָג אייך: עס איז „טויזנט און איין נאַכט״.

— צי האָט איר מער נישט באַזוכט אייער היימשטאָט?

— יאָ, איך בין אַרויסגערופן געוואָרן דורכן פירשט ראַדזיוויל, כדי אים צו מאַכן זיין פּאָרטרעט־ביוסט. צו יענער צייט איז די גאַנצע שטאָט און די אַרומיקע געגנט געגאַנגען כמעט כאַדאָראָם. „אַ קליייניקייט, דעם רב פּערעלמאַנס זון „מאַכט״ ראַדזיווילס פּאָרטרעט, עפּעס אַ קלייטיקייט?״

איך בין אויפגענומען געוואָרן דורכן פּרינץ ראַדזיוויל כיד המלך, אַ מאָדנער „דזשיוואַק״ געווען אָט דער ראַדזיוויל. בעת כ׳האָב געקלעבט

זיין פּאָרטרעט האָט ער גראָד געכאַפּט פליגן... און צו די דינער האָט ער געשריגן „טיע לע מוש"... (טויט די פליגן)

און צום סוף האָב איך גענוג געהאַט פון פּרינץ'ס פליגן, פון דער גרעפין טשאַרנאָריסקעס בקשות, אַז איך זאָל בלייבן און ווערן אַ נאַציאָ־נאַלער קינסטלער, און פון פרוי ראָקפעלער (וואָס האָט דאַן געוווינט ביים פּרינץ) אַ שווין גאָרנישט צווידייטיקן אָנבאָט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווי מען זאָגט עס, בין איך צוריק אַוועק קיין פּאַריז, וווּ עס האָט זיך אָנגע־הויבן די אמתע אַרבעט.

איך בין אַזוי געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט אַז איך האָב נישט געוווּסט ווו איך האַלט אין דער וועלט. און דאָס האָט גורם געווען, אַז איך זאָל אַמאָל מחלל שבת זיין, מיינענדיק, אַז עס איז אַ וואָכן־טאָג, ווען עס איז געווען שבת און אַזוי אַרבעט מען און מען אַרבעט אָן אָן איבעררייס אַ חוץ אפשר די מלחמה־יאָרן און אַנדערע פּערזענלעכע טראַגישע איבער־לעבונגען. דאָס איז מיין אַלץ: מיין „די וועלט" און אפשר אויך מיין „יענע וועלט"..

אַ ווײַלע פּאַלט אַ שטילקייט.. וועלכע גייט איבער אין אַ געהיימ־ניספולן פליסטערן, ווי די נביאים דאָ מיט זייער ווייטיקפולע גלידער און דערהויבנקייט וואָלטן עפּעס שעפּטשן.. מוטיקן, דערפרייען אים, זייער שעפּער..אויב נישט מיט ווערטער, איז זיכער מיט זייער תוכיקער אַנ־וועזנהייט.

— וואָס האָט אייך אינספּירירט צו שאַפן אייערע נביאים?

— די אידייען ווי אַזעלכע, האָבן שוין געלעבט אין מיר. יאָרן האָט גענומען ביז זיי זענען פאַר מיר נתגלה געוואָרן אין דער פּאָר סוויי איר זעט דאָ. שאַפנדיק די נביאים האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז די פאַרגאַנ־גענע דורות שלומערן אין זיי. ווען איך פלעג זיי שאַפן, קנעטן אין ליים, האָבן זיך וווּנדערבאַרע מעלאָדיעס, אַלטע ניגונים אַרומגעטראָגן אַרום מיר. ווער ווייסט פון וואַנען זיי קומען, פון ווען זיי בלאָנדזשען?

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט פּערעלמאַנען, האָבן מיינע אויגן ווי־דער באַמערקט דריי וועזנטלעכע זאַכן: דאָס אַלטע ספר, דאָס בשמים־ביקסל און די געלע לאַטע. — אַ דערהויבענע און גורלדיקע יידישע דריי־אייניקייט פון אַ יידישן קינסטלער..

מאנע קאַץ

אין „האַרץ“ פון מאָנפּאַרנאַס, אויף רי נאָטר דאַם דע שאַן 75, אין ענגער שכנהשאַפט מיט די קאַפעען: „לאַ ראָטאָנד“, „קופּאָל“, „דאָם“, גאָר נאָענט פון דער גאַס גראַן טאָמיע, וואָס איז פול מיט מאָלער אַקאַ־דעמיעס, אַטעליעס, געשעפטן פון מאָלעריי־מאַטעריאַלן, און אויך אַ ביי־ליקן פּוילישן רעסטאָראַן, „שע וואַדזשיאַ“, ווו עס קומען עסן די מאָלערס — דאָרטן האָט געוווינט מאַנע קאַץ.

יעדן דריטן מענטש וועלכן מען באַגעגנט אין יענע מקומות, איז אַ מאָלער. דאָרטן אָטעמט דער קוואַרטאַל מיט מאָלעריי און מיט אַ מין קאָס־מאָפּאָליטישער אַטמאָספער.

דער קוואַרטאַל איז באַזונדערס געווען צוגעפּאַסט צו דער נאַטור פון מאַנע קאַץ. ער האָט זיך געפילט ווי „ביי זיך אין דער היים“. ווער האָט אים נישט געקענט ? „קינד און קייט“ האָט פאַר אים געהאַט אַ פריינדלעכן „באָן זשור“, אַ ליבלעכן שמייכל. אויך ער האָט עס קיינעם נישט געזשאַ־לעוועט. זיין גאַנצער וועזן האָט אויסגעדריקט אָפּטימיזם, ליבלעכקייט און יונגנטלעכקייט הגם זיינע זענען האָר שיון פון לאַנג געווען שניי־ווייס.

דער אָפּטימיסטישער שטריך פון מאַנע קאַץ קומט אויך צום אויסדרוק אין זיין מאָלעריי וואָס ער האָט אונדז געלאָזט בירושה. זי איז אַ יום־טוב־דיקע. פולבלוטיק און קאָלירפול. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז ער שפּרייזט לייכט אַדורך דאָס לעבן· מיט אַ טענצלדיקן לייכטן טראָט·

„אַזוי גייען מיר זינגענדיק און טאַנצענדיק, מיר שבת־יום־טובדיקע יידן“. דאָס האָט געקאָנט זיין מאַנע קאַץ'ס לעבנס־מאָטאָ.

מאַנע קאַץ איז געווען אַ פאַרליבטער אינעם לעבן, אין אַלע זיינע שיינע פאָרמען, וואָס האָבן באַקומען דעם אויסדרוק אין זיינע קונסט־שאַפונגען. ער האָט ליב געהאַט דעם אַמאָל, דעם אור־שפּרונג, זיין יידישן יחוס.

די „אַדעל־לייט“ האָבן ליב צו שטאָלצירן מיט זייער גענעאַלאָגישן בוים, וואָס דערציילט וועגן זייער מיוחסדיקן אָפּשטאַם. מאַנע קאַץ'ס שטאָלץ איז געווען די קאָלעקציע פון כלעריי אַלטע מיוחסדיקע קונסט־חפצים.

די אַלטע פאַרגעלטע פּאַרמעטן, די פלושענע מיט גאָלד־געהאַפטענע פּרוכת'ן, די מיט מאַטן גלאַנץ שימערי־נדיקע קרוינען, די אויסגעלאָשענע חנוכה־לייכטער וועלכע האָבן באַלויכטן יידישע מיטלאַלטערלעכע שטובן זענען נישט בלויז קיין טויטע מוזעאַלע קונסט־חפצים, נאָר זיי זענען דורכגעדרונגען מיט נשמהדיקייט. אין זיי יערט, אין אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד, אַ יידישער שטייגער און פאָלקסטימלעכקייט.

אָט די אור־אַלטע יידישע קונסט־וויזיע רינגלט אַרום האַרמאָניש, מאַנע קאַץ'ס יידישע בילדער.

קיין שום יידישער מאָלער האָט נישט ארויסגעוויזן אַזאַ ליבע און אַזאַ ליידנשאַפט צום אַלטן יידישן קונסט־אויסדרוק ווי מאַנע קאַץ.

איך מיין, אַז דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל ער איז געווען איינער פון היינטצייטיקע מאָלער. אפשר איז אַ סברה, אַז די לויב־ווערטיקע נייגונג נעמט זיך דערפון, וואָס מאַנע קאַץ איז דערצויגן געוואָרן אין אַ דורכאויס יידישער שטוב?

זיין טאַטע איז געווען אַ למדן און אַ שמש אין דער קרעמענטשוקער שול. זייענדיק נאָך אַ ייִנגל, פלעגט זיין בליק וואַנדערן אויף די אויסטערלישע שניצערייען, וואָס האָבן אַרומגערינגלט, ווי אַ פאַנטאַסטישע ראַם, דעם ארון־קודש. זיין קינדערישע וויזיע האָט זיך צעצונדן אינעם שימער פון די שווערע זילבערנע קרוינען, און די קליינע מעשענע קלימפּערלעך האָבן איבערגעלאָזן צאַרטע טענער אין זיינע אויערן.

זיינע מאָנומענטאַלע געשטאַלטן זענען איינגעהילט אין אַ בונטן צעצונדענעם געוואַנט, און טראָץ זייער לעבנס־ענלעכקייט, האָט מען דעם

איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אַריבערגעשפּרייזט דעם תחום פון זייערע ראַמען צו אַן אַבסטראַקטערווירקלעכקייט. אָפּטמאָל איז מען דערשטוינט פון דעם מאָדנעם קאָנטראַסט צווישן דעם שעפער וואָס איז געווען אַ קליינ־משיקער — און זיינע מאָנומענטאַלע בילדער.

זיין שאַפונגס־כוח איז נישט געווען קיין באַגרענעצטער, קיין געצוימ־טער. ער איז געקומען ביי אים צום אויסדרוק אין זיינע מאָנומענטאַלע בילדער. זייער אָפט האָט מען געקענט פעסטשטעלן, אַז דאָס גרעסטע בילד אין „סאַלאָן ד׳אָטאָן״, אָדער „טואילערי״ איז געווען זיינס. זיין וויזיע האָט געזען אַלצדינג אין דורכאויס גרויסע פאָרמען. צוגעפּאַסט פאַר טעמ־פּלען, שולן, פאָלקס־געביידעס. אָבער, כאָטש גרויס, לויט זייער פאָרם, זענען אין זיי פאַראַן צאַרטע טענער, דינע ניואַנסן, וואָס דריקן אויס די באַזעלטקייט פון זיין רייכער יידישער טיפן־גאַלעריע. שימערט אַ טרויער אינעם אויסדרוק פון זיין ישיבה־בחור, צי פון יידישן ייִנגל, וועמענס אויגן דריקן אויס די יידישע נאַכט פון ליידן.

און די געלע צי רויטע קלעזמערס שפּרייזן אין זיינע בילדער פול מיט פרייידיקע מעלאָדיעס, נישט בלויז צו באַזינגען זיינע יידישע חתונות, נאָר אפילו די גויאישע שמחות.

דער געפלעכט פון אומעט און פרייד קומט ביי מאַנע קאַץ צום וויזיאָ־נערן אויסדרוק אין זיין צייכנערישער פאָרם און אין קאָלאָריט. דאָס הייסט אַז זיין פאָרם פאַרמאָגט אין זיך עטוואָס אומרואיק־דראַמאַטישעס אין דער צייט וואָס זיין פּאַליטרע איז אַ צעצוונדענע פון צונטער רויטן, טיפע בלויען און ברוינען.

בלויז אין אַ געוויסן פּעריאָד, נאָכן חורבן, האָט זיין קאָלאָריט זיך באַ־רייכערט מיט ניואַנסירטע גרויען און מיט ערדישע טענער אויף וועלכע עס האָבן אַרויסגעלויכטן ליכטיקע פלעקן, ווי אַ האָפענונג.

מאַנע קאַץ האָט נישט געקענט זיין טראַגיש און דראַמאַטיש. בלויז אַמאָל נאָר איז זיין בילד ווי אַ צונויפגעפלאָכטענער קנויל פון פאָרמען און פאַרבן, וואָס איז ווי אַן אויסדרוק פון ספקות און זוכענישן.

זיין קינסטלערישע וויזיע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים אין דער רחו־בותדיקייט, אינעם אויפברויז, אָבער אָפט אויך האָט ער אונדז געלאָזט זען זיין טיפע סענסיביליטעט און פּאָעטישקייט דורך זיינע קלענערע פאָרמאַטן

מאַנע קאַץ כלי־זמרים

שטיל־לעבנס, בלומען, פייסאַזשן, און קאָמפּאָזיציעס). אין זיי וויברירט אַ צאַרטער מאָלערישער ניגון, אַן אינטימער נשמה־צושטאַנד.

מאַנע קאַץ איז געבוירן געוואָרן אין 1892 אין קרעמענטשוק, אין אַן אָרעמער יידישער שטוב (ווי דער רוב יידישע מאָלערם).

מאָלעריי האָט ער שטודירט אין קיעוו, וואו א יידישער מעצענאַט, גו־רעוויטש, האָט אים אַ סך געהאָלפן און דערמעגלעכט זיין קומען קיין פּאַריז, אינעם יאָר 1913.

אַ געוויסע צייט האָט ער שטודירט אין באָזאַר. אָבער איך וועל אייך בעסער איבערגעבן וועדטלעך אַ קאַפּיטל פון מאַנע קאַצ'ס לעבן, ווי ער אַליין האָט עס דערציילט

„ווען איך בין געקומען קיין פּאַריז, דאָס הייסט אויף מאָנפּאַרנאַס, האָב איך שוין אָנגעטראָפן אַ היפּשע צאָל יידישע מאָלערם. מיט יעדן פון זיי האָב איך זיך באַקענט אויף אַ באַזונדערן אופן.

„זייענדיק אַמאָל פאַרנומען אין צייכענען אַן אַקט, אין דער אַקאַדע־מיע, הער איך אַ יידיש ליד · איך דריי אוים דעם קאָפּ צו זען ווער עס זינגט דאָ· דאָס ליד האָט זיך אָבער באַלד איבערגעריסן· ווי נאָר אָבער כ'האָב זיך צוריקגענומען צום צייכענען, האָט דאָס זינגען ווידער אָנגעהויבן· אַזוי האָט עס זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל·

„פאַרפאַלן, טראַכט איך, עמיץ איז דאָ צווישן די תלמידים וואָס וויל באַהאַלטן זיין יידישקייט“. אין אַ ווײַלע אַרום קומט עמיץ צו מיר צו און פרעגט מיך — „ווי יעווריי? (איר זענט אַ ייד?). יאַ טאָזשע“ (איך אויך). דאָס איז געווען סוטין.

„צו יענער צייט, וואָסערע וואונדערבאַרע צייט! (מיר זענען געווען אַזוי יונג!) האָבן שוין געוווינט אין „לאַ ריש“ — קרעמען, אינדענבוים, קאָט־לאַר, קעניג, טשייקאָוו, פּיילעס און פיל אַנדערע. עס איז אפילו דערשינען אַ יידישער חודש־זשורנאַל „רענעסאַנס“ (אונטער דער רעדאַקציע פון ל. קעניג), וואָס האָט באַהאַנדלט יידישע קונסט־פּראָבלעמען· מיט דעם אויס־ברוך פון דער מלחמה אין 1914, איז דאָס שווערע און גלייכצייטיק זאָרג־לאָזע קינסטלער־לעבן פאַרשוואונדן.

„איך האָב דאַן געוווינט מיטן מאָלער פּיילעס אין איין אַטעליע. מיר האָבן אָבער געהאַט איין בעט. איז איינער געשלאָפן בייטאָג און דער

צווייטער ביינאַכט; אין לעבן דאַרף מען זיך אַן עצה געבן, נישט אמת! ביים מלחמה־אויסברוך האָבן זיך אַ סך קינסטלער אַנגאַזשירט אַלס פרייוויליקע. איך האָב זיך אויך געוואָלט אַנגאַזשירן, אָבער ליידער, האָב איך דאַן נישט געקענט באַווייזן מיין פּאַטריאָטיזם.

„עס וואָלט צופיל צייט פאַרנומען, אייך איבערצוגעבן ווי אַזוי איך בין צוריקגעפאָרן אין מיין שטעטל קרעמענטשוק־געגנט, אַז מיין ערשטע אויסשטעלונג האָב איך געהאַט אין 1918 אין כאַרקאָוו, און זי האָט אפשר דעצידירט, אַז איך זאָל באַוווסטזיניק פאַרבינדן מיין מאָלערישע שעפערישקייט מיט דער יידישער טעמאַטיק. צוויי רוסישע אָפיצירן, וועלכע האָבן באַזוכט די אויסשטעלונג, האָבן זיך דאַן געהאַט אויסגעדריקט בזה הלשון: „עטאָ יעווריעסקאַיאַ וויסטאַווקאַ“ (אַ יידישע אויסשטעלונג). אַז יאָ יעווריעסקאַיאַ, זאָל שוין זיין יעווריעסקאַיאַ.

„אין 1920 בין איך דורך פּוילן ווידער געקומען קיין פּאַריז. און איך מוז אייך זאָגן, אַז פּוילן האָט ביז גאָר באַאיינפלוסט מיין מאָלערישן אופן. דער ליריזם און די ראָמאַנטישקייט מיט וועלכער עס איז געווען באַהויכט דאָס יידישע קאָלירפולע לעבן אין פּוילן האָט געלאָזן אין מיר אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג.

„כ׳האָב דאַן פעסטגעשטעלט, אַז מיינע יידן, וואָס איך האָב ביז דאַן געמאָלן, זענען געווען ענלעך אויף די פּוילישע יידן. כ׳האָב זיי געמאָלן נאָך איידער כ׳האָב זיי געהאַט געזען, ווייל מיין יידישקייט איז אין מיר טיף איינגעוואָרצלט און קומט ביי מיר ארויס ספּאָנטאַן, אַבסאָלוט נישט אויסגערעכנטערהייט. עס ווי אן אינערלעכער מוז, אָפּטמאָל דאַכט זיך מיר ווי אַ געהיימע קראַפט וואָלט געפירט מיין האַנט...

★

די שמועסן מיט מאַנע קאַץ זענען געווען חבריש מיט אַ וואַרעמער באַציאונג צום מיטשמועסער. ער האָט מיט אַ לייכטן הומאָר דערציילט וועגן זיך פאַרשידענע אַנעקדאָטן. נאָך יעדער רייזע איבער דער וועלט איז ער צוריקגעקומען מיט פאַרשידענע „מעשות“ וועגן זיך אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט ער אַרויסגעוויזן דער יוגנט. יונגע קינסטלער האָבן אין אים געהאַט אַן אמתן פריינד.

אפּרופן וועגן דער «מיניאטור - ביבליאטעק»

«די פרעסע» — בוענאס איירעס — י. יאנאסאוויטש

„דער קאַרשנבוים“ פון א. ווייץ

„...אויך אין די נישט גרויסע דערציילונגען האָבן מיר פאַר זיך אַ פּראָזאַאיקער וואָס האָט וואָס צו דערציילן און וואָס קען דערציילן. אויך אין די דאָזיקע דערציילונגען דערשפּירן מיר דאָס באַזונדערע געמיט פון דעם „אני הגבר“, וואָס זוכט אַן אייגנאַרטיק וואָרט און אייגנאַרטיקע פאַרב בכדי צו פאַראייביקן די טראַגישע איבערלעבונגען פון זיין דור“.

„ווייטער פון טראַקט“ פון מנוחה ראַם

„...אין איר דערציילונג „ווייטער פון טראַקט“ זענען פאַראַן אַלע מעלות פון איר טאַלאַנט. זי זעט מענטשן, שאַפט אַרום זיי אַטמאָספער, קען שילדערן די נאַטור אַזוי, אַז עס זאָל אַריינשפּילן אין דעם אינערלעכן געמיט פון די געשעענישן וואָס זי וויקלט פאַנאַנדער“.

„צעשאָטענע קערנער“. פון ל. דאַמאַנקעוויטש

„...אַן עסייאיסט און פובליציסט, וואָס אַקערט די בייטן פון דער יידישער מחשבה בכדי אַרויסצוברענגען אַן אייגענעם געדאַנק און אָריגינעלן רעיון.

אַז ער אַנטוויקלט אַ געדאַנק איז ער גרונטיק, סאָליד און שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד פון ערודיציע און אינטעלעקט.

„יונגע טעג“ פון פערל האַלטער

„...אירע קינדער־לידער פאַרמאָגן חן און שפּילעוודיקייט און זיי אַפּעלירן נישט בלויז צום קינדערישן לייענער, מיט זייער צאַרטקייט און לירישער געמיטפולקייט. פערל האַלטער זוכט נישט קיין אויסטערלישע איינפאַלן און זי פרווט נישט פאַראינטערעסירן דאָס קינד מיט מעשהדיקייט. זי האָט אָבער אין זיך עפּעס אַ דירעקטקייט וואָס טרעפט צום האַרץ און מוח פון יונגען לייענער...

מיט איר ליד פּאַסט זי זיך נישט צו דער קינדערישער אויפנעם־פעאיקייט, נאָר זי זינגט פון זיך אַרויס דאָס אייביק חידושדיקע, וואָס רעדט סיי צו קינדער, סיי צו דערוואַקסענע.

«יידישע ראַדיאָ־אוידיציע» – נויאָרק – יעקב פּאַט

„די פּאַסט האָט מיר געכטן געבראַכט אַ שיין געדרוקט ביכל. דאָס פּאַפּיר איז גוט די שריפט איז שיין אַ פּאָר לייטישע צייכענונגען. דאָס איז דאָס ביכל פון דער דיכטערין פּערל האַלטער".

„...די שטימונג פון דער דיכטערין איז אַ מונטערע, אַ גלויביקע מיר קענען די דיכטערין. מיר קענען אירע לידער און עס ווילט זיך אונדז איר באַגריסן".

«די שטימע» – מעקסיקע – פּראָפ. סאַלאַמאָן קאַהאַן

„...פּערל האַלטער האָט אין די דאָזיקע לידער עפּעס פון דער אַנטציקנדיקער עלעמענטאַרקייט פון דער עלאָקווענטער פּשטות פון אברהם רייזן; פון דעם פּאַלקסטימלעכן טאָן, וואָס גנבעט זיך אַריין אין אונדזער האַרץ און פּאַרשאַפט אונדז יענעם ווילזיין, וואָס נאָר געלייטערטע קונסט קען אונדז ברענגען.

ס'איז דאָ יענע נאַיוויטעט, יענע גייסטיקע ריינקייט, וואָס באַפרייט אונדז גלייך ביים אָנהייבן דאָס לייענען, פון דער גרויער, וואָכעדיקער אַלטעגלעכקייט און מאַכט, אַז מיר זאָלן גאָר גערן זיך לאָזן אַריינציען אין דעם קרייז פון יום־טובדיקייט דורכן טיפן עסטעטישן איבערלעבן, צוזאַמען מיט דער דיכטערין, אירע „יונגע טעג".

«דזאַ» – מאָנטעווידעאָ

„...די ביכלעך זענען אַרויסגעגעבן ציכטיק. די פּעדערס זענען טאַלאַנטפולע, און בכלל איז עס אַ פיינער אויפטו".

«אונדזער וואָרט» — פאַריז — ל. דאמאנקעוויטש

„...אַ ליד מוז טאַקע אין דער ערשטער ריי פאָרט פאַרמאָגן געמיטלעכקייט און טאָר נישט זיין שווערלייביק, בלייאיק און פאַרגליווערט. עס מוז האָבן פליגלען, עס באַדאַרף קאָנען פלאַטערן, שוועבן.

און אוודאי איז עס וואָר פאַר די לידער פון אַזאַ פלאַטערדיקער יוגנטלעכקייט און קינדיש־שטיפערישער באַחנטקייט, ווי די לידער פון דער דיכטערין פערל האַלטער.

עס האָט בכלל, מיט דער דאָזיקער אויסגאַבע, די „מיניאַטור־ביבליאָטעק” באַרעכטיקט איר נאָמען. מיט דער העלקייט, ציכטיקייט פון דער אויסגאַבע, מיט דער פרישקייט און באַטעמטקייט פון די אילוסטראַציעס, פון מאַרעק האַלטער און מיניאַטוריסט דוד טושינסקי.

עס איז דאָ אַלץ קלאָר, יונג און גראַציעז”.

«אונדזער שטימע» — פאַריז — ב. פרענקעל

„...„יונגע טעג” איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט אַ סך געשמאַק, ביבליאָגראַפישער ציכטיקייט און באַחנטקייט. פאַרזען מיט אידעלע צייכענונגען פון דעם יונגן מאָלער מאַרעק האַלטער און דעם פרעכטיקן מיניאַטוריסט דוד טושינסקי. די צייכענונגען שאַפן אַ האַרמאָנישע דערגענצונג פאַר די לידער.

„...זיי זענען אָפפּרישנדיק, ממש טויאיק. און טוי טראָפּנס זענען ענלעך אויף פערל. בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין טוי־טראָפּנס שפּיגלט זיך אָפּ אַן אויפגייענדיקער זונען־שטראַל. און אין דעם פאַל איז עס די אינערלעכע אויסשטראַלונג פון דער דיכטערינס נשמה־יונגקייט”.

„די לידער פון די „יונגע טעג” זענען פול מיט לויטערקייט, דירעקטקייט און ליבע, ווי אַ „גוט־מאָרגן” פון אַ מאַמע פאַר אירע קינדער”.

אינהאלט

אַ וואָרט וועגן מחבר — מ. וו. 5

יידישע קינסטלער 7
אַבערדאַם 11
אינדענבוים 18
אַנטשער 25
בען 32
דאָברינסקי 44
מאַרקעל 54
פֿרעסמאַן 61
קאָלניק 71
קיקאָאין 83
קרעמען 93
שאַגאַל 105
פּערלמאַן 112
מאַנע קאַץ 118
אָפּרופֿן 124

מיניאַטור־ביבליאָטעק

דערשינען

1 — אברהם ווייץ — „דער קאַרשנבוים״ — נאָוועלן
2 — מנוחה ראַם — „ווייטער פון טראַקט“ — דערציילונג
3 — ל. דאָמאַנקעוויטש — „צעשאָטענע קערנער“ — עסייען
4 — פערל האלטער — „יונגע טעג“ — לידער
5 — באַרווין פרענקעל — „מיט יידישע קינסטלער״
שמועסן און באמערקונגען

בקרוב דערשיינט

צום אָנדענק פון ה. לייוויק — זאַמלבוך

מ. וואַלדמאַן — „פאַרצייכענונגען״ —
וועגן יידישע שרייבער

*

אויסגאַבעס פון קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך:

1 — קינדער־אַרבעטן וועגן שלום־עליכמען
2 — צוויי דובנאָוו־קאַרטלעך
3 — אַ דובנאָוו־פּאָרטרעט
4 — הונדערט יאָר דובנאָוו — ביאָגראַפיע און עסיי
5 — מאָריס ראָזענפעלד — זאַמלהעפט
6 — ה. לייוויק — פּאָרטרעט און פּאָסט־קאַרטל